STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02314

EYNIGKEYT FAR FRIDN UN DEMOKRATYE

Earl Browder

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אייניגקייט
פאַר פרידן
און דעמאקראטיע

פון

אוירל בראַודער

גענעראַל-סעקרעטאַר, קאָמוניסטישע פּאַרטיי
פאַראייניקטע שטאַטן

ניו יאָרק
נאַציאָנאַלער קאָונסיל פון אידישע קאָמוניסטן

אַרויסגעגעבן פון
נאַציאָנאַלן קאונסיל פון די אידישע קאָמוניסטן
35 איסט 12טע גאַס, ניו יאָרק.
סעפּטעמבער, 1939.

טיראַזש: 10 טויזנט

209

אינהאַלט

1. אַמעריקע און די מלחמה — — — — — — — — — — — 5

די ווירקונג פון דעם פאַקט — — — — — — — — — — — 11

אַמעריקע ווי אַ כח פאַר פרידן — — — — — — — — — — 15

2. אייניקייט צו באַזיגן רעאַקציע אין 1940 — — — — — — — 21

די טאָרים קעגן דעם פאָלק — די „אישו" אין 1940 — — — — — 23

ווער וועט קאָנטראָלירן די דעמאָקראַטישע פאַרטיי־קאָנווענשאָן ? — 27

ווי אַזוי די טאָרי־קאָאַליציע וועט קעמפן — — — — — — — — 31

אַרבעטער־אייניקייט — דער שליסל צו 1940 — — — — — — — 33

פאַרוואָס די פאַרמערס זיינען פון ספּעציעלער וויכטיקייט
פאַר 1940 — — — — — — — — — — — — — — — — 35

דער קאַמף פאַר אַן אויסגעהאַלטענער פרידנס־פּאָליסי — — — — — 39

3. די קאָמוניסטישע פאַרטיי — איר ראָל און אויפגאַבן — — — — 50

די באַציאונגען פון דער פאַרטיי מיט דער טרעיד־יוניאָן באַוועגונג — 61

ווי אַזוי אונזער פאַרטיי בויט איר אייזערנע דיסציפּלין — — — — — 64

4. סומירונג — — — — — — — — — — — — — — — 68

לאָזונגען — — — — — — — — — — — — — — — — 73

דער דאָזיקער פּאַמפּלעט אַנטהאַלט דעם פולן באַריכט פון אוירל בראָודער, גענעראַל־סעקרעטאַר, צו דעם אויסגעברייטערטן מיטינג פון דער נאַציאָנאַלער קאָמיטע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון די פאַראייניקטע שטאַטן, אין שיקאַגאָ, אילינאָי, סעפּטעמבער דעם 1טן ביז 3טן, 1939, פייערנדיק דער פּאַרטייס צוואַנציקסטן געבורטסטאָג. די פּאַרטיי איז געבוירן געוואָרן אויף אַ קאָנווענשאַן, וואָס האָט זיך געעפנט אין שיקאַגאָ דעם 1טן סעפּטעמבער, 1919. חוץ די מיטגלידער פון דער נאַציאָנאַלער קאָמיטע, זיינען אויף דער יובליי־סעסיע אַנוועזנד געווען איבער 500 אָנפירנדיקע פּאַרטיי־מיטגלידער פון אַלע טיילן פון לאַנד.

דער ערשטער טייל פון דעם דאָזיקן באַריכט, „אַמעריקע און די מלחמה", איז אָפּגעגעבן געוואָרן פאַר אַן עולם פון 17,000 אין דעם שיקאַגער סטאַדיום דעם אָוונט פון 1טן סעפּטעמבער, איידער ענגלאַנד און פראַנקרייך זיינען אַריינגעטראָטן אין קריג קעגן דייטשלאַנד.

דער צווייטער און דריטער טייל, „אייניקייט צו באַזיגן רעאַקציע אין 1940" און „די קאָמוניסטישע פּאַרטיי — איר ראָל און אויפגאַבן", זיינען געגעבן געוואָרן אַלס דער הויפּט־באַריכט צו דער נאַציאָנאַלער קאָמיטע, דעם 2טן סעפּטעמבער.

דער פערטער טייל, „סומירונג", איז געגעבן געוואָרן ביים אָפּשלוס פון דער סעסיע פון דער נאַציאָנאַלער קאָמיטע, אין אָוונט פון 3טן סעפּטעמבער.

1.

אמעריקע און די מלחמה

די גאנצע וועלט איז אין געפאר פון מלחמה, — א מלחמה, וואס עס איז גאר אוממעגלעך זיך פארצושטעלן דעם חורבן, וואס זי קאן ברענגען. אמעריקאנער מענטשן מוזן זיך פרעגן: וואס קאן אמעריקע טאן פאר דער זאך פון פרידן? ווייל א מלחמה, צי אמעריקע וועט זיך אין איר באטייליקן צי ניט, וועט ערנסט באשעדיקן און דראען מיט פארניכטונג דער מענטשלעכער קולטור אויך אין אונזער לאנד. מיר האבן א נאטירלעכן אינטערעס אין וועלט־פרידן. די גאנצע פראגרעסיווע מענטשהייט פילט דעם טיפסטן האס צו די מלחמה־מאכער און פונקט אזא טיפע סימפאטיע פאר דעם פוילישן פאלק, וואס מוז איצט צאלן מיט זיין בלוט פאר דער פארברעכעריש־נארישער פאליטיק פון דער פוילישער רעגירונג, קאנטראלירט פון טשעמבערלעינען, וועלכע האט צוריקגעוויזן די אנגעבאטענע הילף פון דעם סאוועטן־פארבאנד, וואס דאס אליין וואלט געקאנט געוועזן אפווענדן די געפאר.

אמעריקאנער וועלן אין זייער גרעסטער מערהייט איינשטימען מיט דעם פרעזידענט'ס דערקלערונג, אז אונזער לאנד קאן ניט אריינגעצויגן ווערן אין די מחלוקות, וואס האבן דערפירט צו דעם איצטיקן צוזאמענשטויס. אמעריקע מוז אקטיוו זוכן א געלעגנהייט פאר אריינמישן זיך אנטשיידן אויף דער זייט פון פרידן און צו קאאפערירן מיט די ענערגישע פרידן־פארזוכן פון דעם סאוועטן־פארבאנד.

לאמיר פארשטיין צום סאמע אנהויב, אז כדי אמעריקע זאל קאנען מאכן אן ערנסטן ביישטייער צו וועלט־פרידן, מוזן אמעריקאנער מענטשן אנהויבן צו פארשטיין, וועלכע כחות באדראען דעם פרידן, ווי אזוי זיי קאנען באזיגט ווערן און וואס אונזער לאנד קאן ביישטייערן צו דער דאזיקער אויפגאבע. מער ווי אלץ מוזן אמעריקאנער מענטשן זיך אויסלערנען ווי אזוי צו באפרייען זיך פון די ליגנס, וואס ווערן פארשפרייט דורך פראפאגאנדע צוליב ספעציעלע אינטערעסן און וואס הילן איין אין א נעפל פון גיפט־גאז די גרונט־פראגן פון מלחמה און פרידן.

איידער עס האט אויסגעבראכן די איצטיקע מלחמה אין איירעפע, האט די וועלט געהערט די מעלדונג, אז דער סאוועטן־פארבאנד און דייטשלאנד האבן אונטערגעשריבן א ניט־אנגריף פאקט; אז ביידע האבן זיך פארפליכטעט אויף צען יאר ניט צו אטאקירן איינער דעם אנדערן און ניט צו אנשליסן זיך אין וועלכער עס איז קאמבינאציע פון מלוכות פאר אזוינע אטאקעס. אין מיטן פון די מלחמה־געפארן און מלחמה־צוגרייטונגען האבן צוויי פון די מיליטעריש־שטארקסטע מלוכות דערקלערט, אז זיי וועלן ניט

אַנגרייפֿן איינע די אַנדערע. דאָס איז אויפגענומען געוואָרן מיט אַ שטאַרקן געשריי אין די אַמעריקאַנער ציטונגען און איבער דער ראַדיאָ. אַלע מענטשן, וואָס נעמען זייערע מיינונגען פֿאַרטיקערהייט פון די צייטונגען אָדער דער ראַדיאָ, זיינען שוין איבערציינגט, אַז דער סאָוועטן־פֿאַרבאַנד האָט געשלאָסן אַ בונד מיט נאַצי־דייטשלאַנד קעגן אַלע אַנדערע לענדער פון דער וועלט. אָבער וואָס זיינען די פֿאַקטן?

אונטערזוכט די פֿאַקטן, די אומבאַשטרייטבאַרע באַווייזן, וואָס איר האָט פֿאַר זיך און וואָס זיינען פֿאַרדעקט מיט טויזנט מאַסקעס פון ליגן, פֿאַר־לוימדונג און אַבזיכטלעכער פֿעלשונג. יעדער מענטש מוז זיך אויסלערנען צו באַנוצן זיין אייגענעם קאָפּ, צו דערגראָבן זיך דורך דער פּראָפּאַגאַנדע צו די פֿאַקטן און צו אַ פֿאַרשטענדעניש פון די פֿאַקטן.

קודם כל מוזן מיר געדענקען מינכען. דער פֿאַראַיאָריקער מינכענער אָפּמאַך, וואָס אַלע חוץ די קאָמוניסטן האָבן אים אָנגענומען ווי אַ גרויסן „פֿרידנס־אָפּמאַך", האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין פּונקט דאָס פֿאַרקערטע. דער אָפּמאַך האָט פֿאַרניכטעט טשעכאָסלאָוואַקיע, געפירט צו דער מיליטערי־שער גידערלאַגע פון דער שפּאַנישער רעפּובליק, געשאַפֿן די באַדינגונגען פֿאַר דעם איצטיקן מלחמה־אָנפֿאַל אויף פּוילן און איז געפֿאַלן ווי אַ שווערער קלאַפּ קעגן אַמעריקאַנער אינטערעסן. און דאָך איז דער אָפּמאַך פֿאַרגע־שטעלט געוואָרן פֿאַר דער וועלט ווי אַ „פֿרידנס־אָפּמאַך". אין דער אמת'ן איז מינכען געווען דער קלאַפּ, וואָס האָט צעשמעטערט דעם וועלט־פֿרידן. די וועלט האָט דאָס שוין אויסגעפֿונען. און די זעלביקע וועלט, וואָס האָט פֿאַראָ־יאָרן באַגריסט מינכען, פֿאַרדאַמט איצט דעם מינכענער אָפּמאַך מיט ביטערע קללות. קיין זידל־וואָרט איז היינט־צו־טאָג נישט אַזוי שטאַרק, ווי דאָס וואָרט „מינכען־מענטש". דער טייטש דערפֿון איז — אַ ביטרע, היפּאָ־קריטישער, קאַלטבלוטיקער פֿאַררעטער קעגן דער מענטשהייט.

אונזער לאַנד איז פֿאַרפּלייצט געוואָרן פון אַ שטראָם פּראָפּאַגאַנדע, וואָס די צייטונגען און די ראַדיאָס האָבן פֿאַרשפּרייט אין אַ פֿאַרזוך אונז צו איבערציינגן, אַז די מפּלה פֿאַר טשעמבערלעינען איז אַ מפּלה פֿאַר דער גאַנצער וועלט און איר ציוויליזאַציע. דאָס נעמט זיך אַלץ פון דער איינרעדעניש, אַז בלויז דורך אָננעמען די דיקטאַטור פון טשעמבערלעין קאָן אָפּגעשטעלט ווערן דער טריאומף־מאַרש פון דער פֿאַשיסטישער „אַקס" אויף דעם וועג צו וועלט־באַהערשונג. אין דער דאָזיקער איינרעדעניש ווערט איגנאָרירט און פֿאַר־טושט דער פֿאַקט, אַז טשעמבערלעין'ס איינציקע רעכט אויף אַזאַ פֿירערשאַפֿט איז אויסגעדריקט אין אַזוינע דאָקומענטן, ווי דער מינכענער אָפּמאַך, די טויט־סערטיפֿיקאַטן פֿאַר עסטרייך, טשעכאָסלאָוואַקיע, עטיאָפּיע, אַלבאַניע און פֿאַר דער שפּאַנישער רעפּובליק; דער בלוטיקער רעקאָרד פון יאַפּאַן אין כינע, שוין ניט רעדנדיק וועגן דער בלוטיקער קאַשע אין פּאַלעסטינע. אויף דעם גרונט פון אָט־דער איינרעדעניש ווערט דער סאָוועטן־פֿאַרבאַנד באַ־שולדיקט אין „דאָבל־קראָסינג" און פֿאַרראַט, לויט דער לאָגיק, אַז אָפּצוברעכן אָפּן און דראַמאַטיש מיט טשעמבערלעינען און זיינע קאָלעגן קאַפּיטולאַנטן,

די „אַפּיזערס״ פון דעם פאַשיזם, הייסט פאַררעטן פרידן און דעמאָקראַטיע, — כאָטש דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט קיינמאָל זיך ניט פאַרפליכטעט צו שטיצן טשעמבערלעינ׳ס פּאָליסים און האָט זיי שטענדיק אָפּן באַקעמפט. אין דעם אַמעריקאַנער עפנטלעכן לעבן פון די לעצטע יאָרן קאָן מען נישט געפינען קיין מער שענדלעכע דערשיינונג, ווי אָט־דאָס קריכן אויף די קני צו דינען טשעמבערלעינען, ווי דאָס טוען אַמעריקאַנער צייטונגען און ראַדיאָ קאָמענטאַטאָרס, וויסנדיק, אַז אַזאַ שטעלונג שטימט נישט מיט די אַמעריקאַנער נאַציאָנאַלע אינטערעסן און נישט מיט דעם אַמעריקאַנער שטאַנדפּונקט.

פאַרוואָס זאָלן אַמעריקאַנער פאַרטיידיקן טשעמבערלעינען מיט זיינע פּאָליכים? יעדער איינער ווייסט, אַז די גרויסע מערהייט פון אַמעריקאַנער פאָלק האָט פּונקט אַזוי וויניק צוטרוי צו טשעמבערלעינען, ווי די רוסן, און אַז ס׳איז דאָ גענוג גרונט פאַר אַזאַ אומצוטרוי. מיסטער טשעמבערלעין און זיין קלאַס, די הערשער פון ענגלאַנד, זיינען די הויפּט־סיבה פון „אַמעריקאַנער איזאָלאַציאָניזם״, וואָס דאָס איז אַ קרום־קעפּיקער און אַ געפערלעכער ענטפער אויף דער געפאַר פון טשעמבערלעיניזם אין אַמעריקע. יעדער איינער ווייסט, אַז דאָס האָבן די טשעמבערלעינס געשאַפן די בלוטיקע קאַשע אין פּאַלעסטינע, דערמיט וואָס זיי האָבן אָפּגענאַרט די אידן פון דער וועלט דורך צוזאָגן זיי אַ טעריטאָריע, וועלכע זיי האָבן שוין געהאַט צוגעזאָגט צו די אַראַבער, און האָבן דערנאָך אויפגערייצט די צוויי פעלקער צו אַ בלוטיקן ברודער־קאַמף צווישן זיך. יעעדר איינער ווייסט, אַז דאָס האָבן די טשעמבערלעינס סאַבאָטאַזשירט די אַמעריקאַנער באַוועגונג אָפּצושטעלן דעם יאַפּאַנעזער אָנגריף אין מאַנדזשוריע אין 1931 און האָבן אַ פאַרשייטן וואונק געטאָן צו טאָקיאָ, אַז מ׳מעג גיין ווייטער. יעדער איינער ווייסט, אַז דאָס האָט טשעמבערלעין אָרגאַניזירט די אָפּאָזיציע צו רוזוועלט׳ס פּאָליסי אויף דער לימאַ־קאָנפערענץ פון די אַמעריקאַנער רעפּובליקן אין דעצעמבער פון 1938. יעדער איינער ווייסט, אַז ווען אַמעריקע וואָלט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ דיפּלאָמאַטישער קאָנפערענץ מיט טשעמבערלעינען, ווי דאָס האָט געטאָן דער סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואָלט זי געווען נאָך מער פאָרזיכטיק צו באַפעסטיקן אירע בגדים אויפן לייב, כדי ניט זיין געצוואונגען אַרויסצוגיין נאַקעט פון דעם קאָנפערענץ־זאַל. אַמעריקע איז אָפטמאָל געווען געצוואונגען אָפּצוברעכן אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפערענצן אָן שום פאַרשטענדיקונג, הויפּטזאַכלעך ווי אַ רעזולטאַט פון ענגלאַנד׳ס ראָל אין יענע קאָנפערענצן.

אין דער ליכט פון אָט־דעם וואויל־באַקאַנטן פאַקט דאַרפן מיר שאַצן די פאַרהאַנדלונגען אין מאָסקווע און די רעזולטאַטן, וואָס האָבן אַזוי טיף פאַרענדערט די לאַגע אויף דער וועלט. וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן אין די ענגליש־פראַנצויזיש־סאָוועטישע פאַרהאַנדלונגען, וועלכע זיינען אָנגעגאַנגען פון אַפּריל ביז מיטן אויגוסט? מיר האָבן געקראָגן דעם אָפיציעלן אורטייל פון דער סאָוועט־רעגירונג אין דער רעדע פון חבר מאָלאָטאָוו פאַר דעם העכסטן ראַט פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, וועלכער האָט גוטגעהייסן דעם ניט־אָנגריף פאַקט. מאָלאָטאָוו׳ס רעדע איז פון דער גרעסטער היסטאָרישער וויכטיקייט,

און דאָך האָבן די זעלביקע צייטונגען און ראַדיאָס, וואָס גיבן אייך פון אײנ־דערפרי ביז ביינאַכט, ביז צום ברעכן, די רעדעס און דאָקומענטן פון היטלער און טשעמבערלעין, אייך ניט געגעבן קיין פּופּציק ווערטער פון מאָלאָטאָוו׳ס רעדע! איך האָף, אַז איר וועט זיין גענוג פאַראינטערעסירט און האָבן גענוג געדולד אויסצוהערן עטלעכע אויסצוגן פון מאָלאָטאָוו׳ס רעדע:

„וואָס האָבן די פאַרהאַנדלונגען מיט ענגלאַנד און פראַנקרייך גע־וויזן? די ענגליש־פראַנצויזיש־סאָוועטישע פאַרהאַנדלונגען האָבן געוויזן, אַז די פּאָזיציע פון ענגלדאַנד און פראַנקרייך איז דורכאויס געווען באַ־צייכנט מיט שרייענדיקע ווידערשפּרוכן. אורטיילט פאַר זיך אַליין.

„פון איין זייט האָבן ענגלאַנד און פראַנקרייך געפאָדערט, אַז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד זאָל געבן מיליטערישע הילף צו פּוילן אין פאַל פון אַנגריף. דער סאָוועטן־פאַרבאַנד, ווי איר ווייסט, איז געווען גרייט נאָכ־צוקומען די דאָזיקע פאָדערונג אויף דער באַדינגונג, אַז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד גופא זאָל קריגן עטלעכע הילף פון ענגלאַנד און פראַנקרייך.

„פון דער אַנדערער זייט האָבן גראַד ענגלאַנד און פראַנקרייך אריינ־געבראַכט פּוילן אין די פאַרהאַנדלונגען, וועלכע האָט אַנטשיידן זיך אָפּגעזאָגט פון מיליטערישער הילף מצד דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

„פּרואווט אָקאָרשט, אונטער אַזוינע באַדינגונגען, צו דערגרייכן אַ פאַרשטענדיקונג וועגן קעגנזייטיקער הילף, ווען עס ווערט אין פאָראויס דערקלערט, אַז הילף מצד דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד איז אומנויטיק און אומגעבעטן.

„ווייטער: פון איין זייט האָבן ענגלאַנד און פראַנקרייך אָנגעבאָטן צו גאַראַנטירן פאַר דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד מיליטערישע הילף אין פאַל פון אַנגריף, אויב דער סאָוועטן־פאַרבאַנד זאָל געבן עטלעכע הילף.

„פון דער אַנדערער זייט האָבן זיי אַרומגעצאַמט זייער הילף מיט אַזוינע רעזערוואַציע בנוגע אינדירעקטן אַנגריף, אַז די רעזערוואַציעס האָבן געקאָנט פאַרוואַנדלען די גאַנצע הילף אין אַ נעכטיקן טאָג און שאַפן פאַר זיי אַ פאָרמעלן לעגאַלן תירוץ זיך אויסצודרייען פון געבן הילף און אַוועקשטעלן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד אין אַ לאַגע פון איזאָ־לאַציע אין פאַל פון אַנגריף.

„איז, פּרואווט געפינען דעם אונטערשייד צווישן אַזאַ „אָפּמאַך פאַר קעגנזייטיקער הילף״ און אַן אָפּמאַך פון מער־ווייניקער פאַרמאַסקירטן שווינדל.

„ווייטער: פון איין זייט האָבן ענגלאַנד און פראַנקרייך באַטאָנט די וויכטיקייט און די ערנסטקייט פון פאַרהאַנדלונגען וועגן אַן אָפּמאַך פאַר קעגנזייטיקער הילף און געפאָדערט, אַז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד זאָל זיך באַציען צום ענין זייער ערנסט און דערליידיקן וואָס שנעלער אַלע פראַגן אין שייכות צום אָפּמאַך.

„פון דער אַנדערער זייט האָבן זיי אַליין פאַרצויגן די פאַרהאַנדלונגען

אָן אַ שיר און האָבן ארויסגעוויזן אַן אבסאָלוט לייכטזיניקע באַציאונג צו די פאַרהאַנדלונגען, פאַרטרויענדיק זיי צו פּערזאָנען פון צווייטער וויכטיקייט, וואָס האָבן נישט געהאַט די געהעריקע פולמאַכט.

„עס איז געווען צו דערמאָנען, אַז די ענגלישע און פראַנצויזישע מיליטערישע מיסיעס זיינען געקומען קיין מאָסקווע אָן וועלכער ס'איז באַשטימטער מאַכט און אָן דעם רעכט צו שליסן וועלכע עס איז מיליטערישע פאַרשטענדעניש.

„נאָכמער, — די ענגלישע מיליטערישע מיסיע איז אָנגעקומען קיין מאָסקווע גאָר אָן שום מאַנדאַט, און בלויז אויף דער פאָדערונג פון אונזער מיליטערישער מיסיע האָבן זיי ערב דעם צוזאַמענברוך פון די פאַרהאַנדלונגען ערשט פאַרגעלייגט געשריבענע מאַנדאַט־פּאַפּירן. אָבער אַפילו אָט־די פּאַפּירן זיינען געווען בלאָס און נעבלהאַפט, — מאַנדאַטן אָן שום געוויכט.

„איז, פּרואווט געפינען דעם אונטערשייד צווישן אָט־דער לייכטזיניקער באַציאונג צו די פאַרהאַנדלונגען מצד ענגלאַנד און פראַנקרייך און אַן אומיסטנעדיקן אָנשטעל פון פאַרהאַנדלונגען, כדי צו דיסקרעדיטירן דעם גאַנצן ענין פון פאַרהאַנדלונגען.

„אַזוינע זיינען די אינערלעכע ווידערשפּרוכן אין דער שטעלונג פון ענגלאַנד און פראַנקרייך צו די פאַרהאַנדלונגען מיט דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואָס האָבן געפירט צו זייער צוזאַמענברוך.

„וואָס איז דער וואָרצל פון אָט־די ווידערשפּרוכן אין דער שטעלונג פון ענגלאַנד און פראַנקרייך?

„אין עטלעכע ווערטער קאָן דאָס אויסגעדריקט ווערן אַזוי:

„פון איין זייט האָבן די ענגלישע און פראַנצויזישע רעגירונגען מורא פאַר אַגרעסיע און דעריבער וואָלטן זיי געוואָלט האָבן אַן אָפּמאַך פון קעגנזייטיקער הילף מיט דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, אויב אַזאַ אָפּמאַך זאָל שטאַרקער מאַכן ענגלאַנד און פראַנקרייך.

„אָבער פון דער אַנדערער זייט האָבן די ענגלישע און פראַנצויזישע רעגירונגען מורא, אַז דאָס שליסן פון אַן אמתן אָפּמאַך פאַר קעגנזייטיקער הילף מיט דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד קאָן אפשר שטאַרקער מאַכן אונזער לאַנד, דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואָס דאָס שטימט, קאָנטיק, נישט מיט זייערע צילן. מע מוז צוגעבן, אַז אָט־די שרעק זייערע האָט אַריבערגעוואויגן אַנדערע השבונות. בלויז אַזוי אַרום קאָנען מיר פאַרשטיין די פּאָזיציע פון פּוילן, וועלכע האַנדלט לויט די אינסטרוקציעס פון ענגלאַנד און פראַנקרייך."

פאַרוואָס האָט דער סאָוועטן־פאַרבאַנד געשלאָסן אַ ניט־אַנגריף פּאַקט מיט דייטשלאַנד? מיר אַמעריקאַנער מוזן דאָס פאַרשטיין. מיר מוזן וויסן וועלכע כחות און פּאָליסים עס האָבן געשאַפן אַ לאַגע, אין וועלכער אַן אַנט־

שיידענער שריט אין דער ריכטונג פון פרידן האָט געקאָנט געמאַכט ווערן בלויז דורך שליסן אַזאַ ניט־אַנגריף פּאַקט.

אין די קומענדיקע חדשים און יאָרן וועט אַמעריקע שטיין פאַר ענלעכע אַנטשיידונגען, און מיר מוזן באַצייטנס וויסן ווי אַזוי צו האַנדלען. ווידעראַמאָל קער איך זיך אום צו מאָלאָטאָוו׳ס רעדע, וואָס די צייטונגען, וועלכע דאַרפן אייך אינפאָרמירן, האָבן זי באַהאַלטן פון דעם אַמעריקאַנער פאָלק. מאָלאָטאָוו האָט געזאָגט:

„דער באַשלוס צו שליסן אַ ניט־אַנגריף פּאַקט צווישן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און דייטשלאַנד איז אָנגענומען געוואָרן נאָך דעם, ווי די מיליטערישע פאַרהאַנדלונגען מיט פראַנקרייך און ענגלאַנד זיינען געקומען צו אַן אָפּשטעל צוליב די שוועריקייטן, וועלכע איך האָב דערמאָנט.

„אַזוי ווי די פאַרהאַנדלונגען האָבן געוויזן, אַז מ׳קאָן ניט דערוואַרטן צו שליסן קיין אָפּמאַך פאַר קעגנזייטיקער הילף, האָבן מיר נישט געקענט אַנדערש ווי אויספאָרשן אַנדערע מעגלעכקייטן צו פאַרזיכערן פרידן און באַזייטיקן די געפאַר פון מלחמה צווישן דייטשלאַנד און דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

„אויב די ענגלישע און פראַנצויזישע רעגירונגען האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו רעכענען דערמיט, איז דאָס זייער זאַך. עס איז אונזער פליכט צו טראַכטן וועגן די אינטערעסן פון דעם סאָוועטישן פאָלק, די אינטערעסן פון דעם פאַרבאַנד פון סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן. בפרט, אַז מיר זיינען פעסט איבערצייגט, אַז די אינטערעסן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד פאַלן־צוזאַמען מיט די פונדאַמענטאַלע אינטערעסן פון די פעלקער פון אַנדערע לענדער. אָבער דאָס איז בלויז איין זייט פון דער פראַגע...

„צום ביישפּיל, מענטשן פרעגן מיט אַן אָנשטעל פון אומשולד, ווי אַזוי דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט ביי זיך געקענט פועל׳ן צו פאַרבעסערן פּאָליטישע באַציאונגען מיט אַ מלוכה פון אַ פאַשיסטישן טיפּ... זיי פאַרגעסן אָבער, אַז דאָ האַנדלט זיך ניט וועגן אונזער שטעלונג צום אינערלעכן רעזשים פון אַן אַנדער לאַנד, נאָר וועגן די אויסערלעכע באַציאונגען פון די צוויי מלוכות.

„זיי פאַרגעסן, אַז מיר שטייען אויף דער פּאָזיציע פון ניט־מישן זיך אין די אינערלעכע אָנגעלעגנהייטן פון אַנדערע לענדער און פאָלגלעך — פון ניט דערלויבן אַנדערע צו מישן זיך אין אונזערע אינערלעכע אָנגעלעגנהייטן...

„אין אונזער אויסלענדישער פּאָליטיק בנוגע ניט־סאָוועטישע לענדער האָבן מיר שטענדיק נאָכגעפאָלגט לענין׳ס וואויל־באַקאַנטן פּרינציפּ פון גלייכצייטיקער פרידלעכער עקזיסטענץ פון דער סאָוועטישער מלוכה און קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

„מ׳קאָן אָנגעבן אַ סך ביישפּילן אויף צו ווייזן, ווי אַזוי דער

דאָזיקער פּרינציפּ איז דורכגעפירט געוואָרן אין דער פּראַקטיק, אָבער איך וועלן זיך באַגרענעצן בלויז אויף עטלעכע. מיר האָבן, צום ביישפּיל, אַ ניט־אָנגריף און נייטראַליטעט אָפּמאַך מיט פאַשיסטישער איטאַליע זינט 1933.

„עס איז נאָך קיינעם נישט איינגעפאַלן אויסצוזעצן קעגן דעם דאָזיקן אָפּמאַך. דאָס איז נאַטירלעך. אַזוי ווי דער אָפּמאַך שטימט מיט די אינטערעסן פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, איז ער אין איינקלאַנג מיט אונזער פּרינציפּ פון גלייכצייטיקער פרידלעכער עקזיסטענץ פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

„מיר האָבן אויך ניט־אָנגריף פּאַקטן מיט פּוילן און געוויסע אַנדערע לענדער, וואָס זייער האַלב־פאַשיסטישע סיסטעם איז אַלעמען באַקאַנט. אויך אָט־די פּאַקטן האָבן ביי קיינעם נישט אַרויסגערופן קיין אויסזעצונג.

„עס וואָלט אפשר ניט זיין איבעריק צו דערמאָנען דעם פאַקט, אַז מיר האָבן ניט אַפילו אַזעלכע אָפּמאַכן מיט געוויסע אַנדערע ניט־פאַשיסטישע בורזשואַז־דעמאָקראַטישע לענדער, מיט ענגלאַנד גופא, צום ביישפּיל, אָבער דאָס איז ניט אונזער שולד.”

די ווירקונג פון דעם פּאַקט

איצט לאָמיר זען, וואָס פאַר אַ לאַגע ס'האָט זיך געשאַפן נאָך דעם סאָוועטיש־דייטשן ניט־אָנגריף פּאַקט? וואָס איז זיין באַדייטונג פאַר דער וועלט, פאַר אייראָפּע, פאַר אַמעריקע, פאַר דעם ווייטן מזרח? זיינען די גרויסע ענדערונגען, וואָס דער פּאַקט האָט געשאַפן, גינסטיק אָדער אומגינסטיק? איז די וועלט־לאַגע בעסער אָדער ערגער געוואָרן ווי אַ רעזולטאַט פון דעם פּאַקט? בעת מיר זוכן אַן ענטפער אויף אָט־די פראַגן, לאָמיר צו־ערשט הערן עטלעכע ווערטער פון מאָלאָטאָוו'ס רעדע וועגן דער באַדייטונג פון דעם דאָזיקן פּאַקט, — ווערטער, וואָס די אַמעריקאַנער צייטונגען און ראַדיאָ האָבן פון אייך באַהאַלטן. מאָלאָטאָוו האָט געזאָגט:

„די הויפּט־וויכטיקייט פון דעם סאָוועטיש־דייטשישן ניט־אָנגריף פּאַקט באַשטייט אין דעם, וואָס די צוויי שטאַרקסטע מלוכות אין אייראָפּע האָבן איינגעשטימט צו מאַכן אַ סוף צו דער פיינטשאַפט צווישן זיי, צו באַזייטיקן די געפאַר פון מלחמה און צו לעבן אין פרידן איינע מיט דער אַנדערער, פאַרשמעלערנדיק דורך דעם די זאָנע פון מעגלעכע מיליטערישע קאָנפליקטן אין אייראָפּע. אַפילו אויב מיליטערישע קאָנפליקטן אין אייראָפּע זאָלן זיך אַרויסווייזן צו זיין אומפאַרמיידלעך, וועט דער פאַר־נעם פון די קאָנפליקטן איצט באַשרענקט ווערן.

„בלויז די אויפהעצער פון אַן אַלגעמיינער אייראָפּיאישער מלחמה קענען זיין אומצופרידן מיט אָט־דער לאַגע, — בלויז די, וואָס אונטער אַ מאַסקע פון פאַציפיזם וואָלטן זיי וועלן אָנצינדן אַן אַלגעמיינע שריפה

אין אייראָפּע. דער סאָוועטיש־דייטשער פּאַקט איז געוואָרן אַ ציל־ברעט פאַר אַ סך אַטאַקעס אין דער ענגליש־פראַנצויזישער און אַמעריקאַנער פּרעסע. באַזונדער זעען זיך דאָ אָן געוויסע „סאָציאַליסטישע" צייטונגען, — פּלייסיקע דינער פון „זייער" נאַציאָנאַלן קאַפּיטאַליזם, דינער פון הערן, וואָס צאָלן זיי אָנשטענדיק.

„עס איז קלאָר, אַז פון אַזוינע פּאַרשוינען קאָן מען ניט דערוואַרטן דעם אמתן אמת. פּאַרזוכן ווערן געמאַכט צו פּאַרשפּרייטן די אויס־טראַכטעניש, אַז דאָס אונטערשרייבן דעם סאָוועטיש־דייטשישן פּאַקט האָט אָפּגעבראָכן די פּאַרהאַנדלונגען מיט ענגלאַנד און פראַנקרייך וועגן אַ פּאַקט פאַר קעגנזייטיקער הילף. דער דאָזיקער ליגן איז שוין צוגענאָגלט געוואָרן אין דעם אינטערוויו, וואָס וואָראָשילאָוו האָט געגעבן.

„אין דער ווירקלעכקייט, ווי איר ווייסט, איז עס פּונקט פאַרקערט. דער סאָוועטן־פּאַרבאַנד האָט אונטערגעשריבן אַ ניט־אָנגריף פּאַקט מיט דייטשלאַנד קודם כל דערפאַר, וואָס די פּאַרהאַנדלונגען מיט פראַנקרייך און ענגלאַנד האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף שטרויכלונגען, וועלכע האָבן ניט געקאָנט בייגעקומען ווערן און האָבן זיך אויסגעלאָזט מיט אַ דורכפאַל דורך דער שולד פון די הערשנדיקע קלאַסן פון ענגלאַנד און פראַנקרייך.

„ווייטער: זיי גייען אַזוי ווייט ווי צו באַשולדיקן אונז דערפאַר, וואָס דער פּאַקט, פאַרשטייט איר מיך, אַנטהאַלט ניט קיין פּונקט וועגן אָפּברעכן אים אין פאַל איינער פון די צוויי צדדים ווערט אַריינגעצויגן אין אַ מלחמה אונטער באַדינגונגען, וואָס קענען אימיצן געבן אַן אויסער־לעכן אויסרייד צו באַצייכענען דאָס באַטרעפנדע לאַנד ווי אַן אַגרעסאָר. זיי פאַרגעסן אָבער צוליב געוויסע אורזאַכן, אַז אַזאַ פּונקט און אַזאַ רעזערוואַציע איז ניט צו געפינען נישט אין דעם פּויליש־דייטשן ניט־אָנגריף פּאַקט, אונטערגעשריבן אין 1934 און אַנולירט דורך דייטשלאַנד אין 1939 קעגן דעם וואונטש פון פּוילן, און נישט אין דער ענגליש־דייטשער דעקלאַראַציע וועגן ניט־אָנגריף, וואָס איז אונטערגעשריבן גע־וואָרן בלויז מיט עטלעכע חדשים צוריק. עס שטעלט זיך די פראַגע: פאַרוואָס קאָן ניט דער סאָוועטן־פּאַרבאַנד זיך דערלויבן די זעלביקע פּריווילעגיע ווי פּוילן און ענגלאַנד האָבן זיך דערלויבט מיט אַ צייט צוריק?

„צולעצט, — עס געפינען זיך חכמים, וואָס דרינגען אַרויס פון דעם פּאַקט מער, ווי ס'איז אין אים געשריבן. פאַר דעם דאָזיקן צוועק ווערן געמאַכט אַלערליי טרעפענישן און אָנצוהערענישן, כדי צו וואַרפן אַ חשד אויף דעם פּאַקט אין איין לאַנד אָדער אַ צווייטן. אָבער דאָס אַלץ באַ־שפּרעכט בלויז די האָפענונגסלאָזע מאַכטלאָזיקייט פון די שונאים פון דעם פּאַקט, וועלכע אַנטפּלעקן זיך מער און מער ווי שונאים סיי פון דעם סאָוועטן־פּאַרבאַנד און סיי פון דייטשלאַנד, וואָס זוכן צו פּראָוואָצירן מלחמה צווישן די דאָזיקע לענדער."

מיר האָבן די לעצטע צייט געזען אין אַמעריקע „וואונדערבאַרע" ביישפּילן פון דעם, ווען וואָס מאָלאָטאָוו רעדט. די פּאַציפיסטן אין אַמעריקע, וועלכע האָבן די גאַנצע צייט געשריען, אַז אונטער קיינע אומשטענדן טאָר אַמעריקע נישט גיין מלחמה האַלטן ווען וואָס ס'ניט איז, שרייען איצט גוואַלד, פאַרוואָס דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט איינגעשטימט מיט דייטשלאַנד ניט צו גיין אין מלחמה.

מאָלאָטאָוו האָט ווייטער אָנגעוויזן:

„דער דאָזיקער פאַקט, פּונקט ווי די ניט־דערפאָלגרייכע ענגליש־פראַנצויזיש־סאָוועטישע פאַרהאַנדלונגען, באַווייזט, אַז קיינע וויכטיקע פראַגן פון אינטערנאַציאָנאַלע באַציאונגען און נאָך וויניקער — פראַגן פון מזרח אייראָפּע, קאָנען נישט געלייזט ווערן אָן דעם אַקטיוון אָנטייל פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד; אַז יעדער פאַרזוך אויסצושליסן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און אַנטשיידן אַזעלכע פראַגן הינטער זיינע פּלייצעס איז פאַראורטיילט צו אַ דורכפאַל.

„דער סאָוועטיש־דייטשער ניט־אָנגריף פאַקט שאַפט אַ נייע ווענדונג אין דער אַנטוויקלונג פון אייראָפּע, אַ קער אין דער ריכטונג פון פאַר־בעסערן די באַציאונגען צווישן די צוויי גרעסטע מלוכות אין אייראָפּע. ניט נאָר באַזייטיקט דער דאָזיקער פאַקט די געפאַר פון מלחמה מיט דייטשלאַנד, פאַרשמעלערט די זאָנע פון מעגלעכער מלחמה אין אייראָפּע און דינט דערמיט דער זאַך פון אַלגעמיינעם פרידן; ער מוז אויך עפענען פאַר אונז נייע מעגלעכקייטן פאַר פאַרגרעסערן אונזער מאַכט, ווייטער קאָנסאָלידירן אונזערע פּאָזיציעס און זיכערן דעם ווייטערדיקן וואוקס פון דעם איינפלוס פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד אויף אינטערנאַציאָנאַלע אַנטוויקלונגען."

אויב אַמעריקע האָפט, און איך בין זיכער אַז די גרויסע מערהייט אַמערי־קאַנער האָבן אַזאַ האָפענונג, אַז אונזער לאַנד זאָל קאָנען שפּילן אַ ראָל אויף דעם געביט פון פאַריאָגן דעם געשפּענסט פון מלחמה און אָרגאַניזירן די וועלט פאַר פרידן, — לאָמיר אָנהויבן פאַרשטיין, אַז אין דער דאָזיקער גרויסער אויפגאַבע איז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד דער נאַטירלעכער און אומ־פאַרמיידלעכער שותף פון אַמעריקע.

עס איז כדאי ספּעציעל צו באַמערקן, אַז די, וואָס שרייען צום העכסטן קעגן דעם ניט־אָנגריף פאַקט, זיינען דאָס די מענטשן, וואָס רופן זיך „סאָציאַ־ליסטן". פאַרוואָס גייט עס אָט־די „סאָציאַליסטן" אַזוי אין לעבן, אַז אין דער מלחמה, פון וועלכער זיי זאָגן, אַז אַמעריקע מוז וויכן אונטער אַלע אומשטענדן, זאָל דער סאָוועטן־פאַרבאַנד אַריינטרעטן אום יעדן פּרייז? מאָלאָטאָוו ווייזט אָן אין דער דאָזיקער פאַרבינדונג:

„מיר מוזן זיין אויף דער וואַך קעגן יענע, וואָס זעען פאַר זיך אַ געווינס אין שלעכטע באַציאונגען צווישן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און דייטשלאַנד, אין שנאה צווישן זיי, און וואָס ווילן ניט קיין פרידן און

קיין גוטע שכנ'ישע באַציאונגען צווישן דייטשלאַנד און דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

„מיר קאָנען פאַרשטיין פאַרוואָס אויסגעשפּראָכענע אימפּעריאַליסטן האַלטן פון אַזאַ פּאָליטיק. מיר קאָנען אָבער ניט איגנאָרירן אַזעלכע פאַקטן, ווי דעם באַזונדערן אייפער, מיט וועלכן געוויסע פירער פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון ענגלאַנד און פראַנקרייך האָבן זיך לעצטנס אויסגעצייכנט אויף דעם דאָזיקן געביט... איז עס ווירקלעך שווער פאַר די דאָזיקע דזשענטלמענער צו פאַרשטיין דעם צוועק פון דעם סאָוועטיש־דייטשן ניט־אָנגריף פּאַקט, וואָס צוליב אים איז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד ניט מחויב אַריינצוטרעטן אין אַ מלחמה אָדער אויף דער זייט פון ענגלאַנד קעגן דייטשלאַנד אָדער אויף דער זייט פון דייטשלאַנד קעגן ענגלאַנד?

„איז עס ווירקלעך שווער צו פאַרשטיין, אַז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד פירט אָן און וועט ווייטער אָנפירן זיין אייגענע זעלבסטשטענדיקע פּאָליטיק, וואָס איז באַזירט אויף די אינטערעסן פון דעם סאָוועטישן פאָלק און בלויז אויף זיינע אינטערעסן? אויב די דאָזיקע הערן האָבן אַזאַ שטאַרקן חשק צו שלאָגן זיך, זאָלן זיי זיך אַליין שלאָגן אָן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד...

„אין אונזערע אויגן, אין די אויגן פון דעם גאַנצן סאָוועטישן פאָלק, זיינען זיי פּונקט אַזוינע שונאים פון פרידן, ווי אַלע אַנדערע מלחמה־העצער אין אייראָפּע. בלויז די, וואָס ווילן אַ נייע אַלגעמיינע שחיטה, אַ נייעם חורבן פון פעלקער, — בלויז זיי ווילן אָנרייצן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און דייטשלאַנד איינעם אויף דער אַנדערער; בלויז זיי ווילן צעשטערן דעם אָנהויב פון ווידער־איינשטעלן גוטע שכנ'ישע באַציאונגען צווישן די פעלקער פון סאָוועטן־פאַרבאַנד און דייטשלאַנד."

אַ פראַגע, וואָס וועגט שווער אויף דעם געמיט פון אַ סך אַמעריקאַנער, איז: אָבער וואָס איז וועגן פּוילן? דער איבערפאַל אויף פּוילן איז אַ באַר־באַרישער אַקט פון אימפּעריאַליסטישן אָנגריף, וואָס שטעלט אין געפאַר די נאַציאָנאַלע זעלבסטשטענדיקייט פון דעם פּוילישן פאָלק. דאָס איז אַ ווייטער־דיקע אויסברייטערונג פון דער צווייטער אימפּעריאַליסטישער מלחמה און אַנטהאַלט די געפאַר פון פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ נייער וועלט־מלחמה.

די דאָזיקע אַטאַקע אויף פּוילן דורך דעם דייטשן פאַשיזם איז מעגלעך געוואָרן הויפּטזאַכלעך דערפאַר, וואָס די רעגירונגען פון ענגלאַנד און פראַנק־רייך, מיט דער הילף פון דער רעאַקציאָנערער קאָאַליציע פון דעם אַמעריקאַנער קאָנגרעס, האָבן אויפגעגעבן די פּאָליטיק פון קאָלעקטיווער זיכערקייט. די אַטאַקע איז מעגלעך געוואָרן דערפאַר, וואָס די טשעמבערלעינס און דאַלאַדיעס און בעקס האָבן דערפאָלגרייך סאַבאָטאַזשירט די פאַרזוכן פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, געשטיצט פון די פאָלקס־מאַסן איבער דער גאַנצער וועלט, צו שאַפן אַן אמת'ן פרידנס־פראָנט פון ניט־אָנגרייפערישע לענדער.

די אטאקע אויף פוילן איז אויך דער רעזולטאט פון דער שטעלונג פון די רעאקציאנערע פירער פון דעם סאציאליסטישן אינטערנאציאנאל און דעם אמסטערדאמער טרעיד־יוניאן אינטערנאציאנאל, אזוי גוט ווי פון דער אמע־ריקאן פעדערישאן אוו לייבאר, וועלכע האבן זיך אפגעזאגט אנצונעמען די ווידערהאלטע אנבאטן פון דער אלוועלטלעכער קאמוניסטישער באוועגונג צו שאפן א פאראייניקטן ארבעטער־פראנט אויף אן אינטערנאציאנאלן מאס־שטאב און אין יעדן לאנד באזונדער פאר דעם צוועק פון באקעמפן די מינכען־פאררעטן און אפשטעלן פאשיסטישן אנגריף.

איז עס מעגלעך איצט צו ראטעווען די זעלבסטשטענדיקייט פון פוילן?

יא, ס'איז מעגלעך, כאטש איצט איז דאס א סך שווערער ווי פריער.

ווען די פוילישע רעגירונג וואלט, צוזאמען מיט די רעגירונגען פון פראנקרייך און ענגלאנד, געוועןן אנגענומען די פארשלאגן פון דעם סאוועטן־פארבאנד וועגן א ווירקלעכן אפמאך פאר קעגנזייטיקער הילף, וואלט מסתמא ניט געווען געקומען צום איצטיקן איבערפאל אויף פוילן. ס'איז אבער נאך אלץ ניט צו שפעט. דאס פוילישע פאלק, מיט זיין גלארייכער טראדיציע פון קאמף פאר נאציאנאלער באפרייאונג, האט קלאר באוויזן, אז ס'איז גרייט און וויליק צו קעמפן פאר דער נאציאנאלער זעלבסטשטענדיקייט פון זיין לאנד.

דאס פוילישע פאלק האט אויך קלאר געמאכט, אז עס האט צוטרוי צום סאוועטן־פארבאנד און וויל האבן די קאאפעראציע פון דעם סאוועטן־פארבאנד אזוי גוט ווי די קאאפעראציע און שטיצע פון די פרידלעכע און דעמאקראטישע כחות איבער דער גאנצער וועלט.

ווען דאס פוילישע פאלק זאל געפינען א וועג אויף ארויפצוצווינגען אויף דער פוילישער רעגירונג זיין ווילן צו ווידערשטאנד; ווען דאס פאלק זאל געפינען די מיטלען אויף צו ברענגען צו־שטאנד די קאאפעראציע פון זייער רעגירונג מיט דעם סאוועטן־פארבאנד און ווען די פעלקער פון ענגלאנד און פראנקרייך זאלן, ווי א רעזולטאט דערפון, אויסראטן אין זייערע רעגירונגען די פארברעכערישע פאליסים פון מינכען־פאררעטן, וואלט פוילנ'ס נאציאנאלע זעלבסטשטענדיקייט געראטעוועט און געזיכערט געווארן א סך מער, ווי ווען עס איז אין די לעצטע זעקס יאר.

אמעריקע ווי א כח פאר פרידן

ס'איז פאראן נאך א מלוכה אויף דער וועלט, וואס קאן זייער א סך העלפן פוילן אין דער איצטיקער שעה פון קריזיס און נויט: דאס פאלק און די רעגירונג פון די פאראייניקטע שטאטן. ווען דאס אמעריקאנער פאלק וואלט דערקלערט אפן און דייטלעך, אז עס פארלאנגט פון דער רעגירונג אויסצואיבן דעם גאנצן מאראלישן און פאליטישן כח פון אונזער לאנד פאר דעם צוועק פון ראטעווען די נאציאנאלע זעלבסטשטענדיקייט פון פוילן; און ווען דאס אמעריקאנער פאלק וואלט אין דער זעלביקער צייט קלאר געמאכט, אז די אמעריקאנער רעגירונג היינט־צו־טאג קאן צום בעסטן אויסאיבן איר

איינפּלוס פאַר וועלט־פרידן אין קאָאָפּעראַציע מיט דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד,— דעמאָלט איז עס גאַנץ זיכער, אַז די נאַציאָנאַלע זעלבסטשטענדיקייט פון פּוילן און איר פרייהייט וואָלטן געקאָנט געראַטעוועט און געזיכערט ווערן.

קאָן איצט אויסגעמיטן ווערן אַ וועלט־מלחמה? מענטשן פרעגן די אַנגסטלעכע פראַגע, צי דער איבערפאַל אויף פּוילן מיינט, אַז אַ נייע וועלט־מלחמה איז געוואָרן אוממפאַרמיידלעך. ניין, אַ נייע וועלט־מלחמה איז ניט אוממפאַרמיידלעך. די אויסשפּרייטונג פון דער איצטיקער אימפּעריאַליסטישער מלחמה אויף פּוילן מאַכט שאַרפער די געפאַר, אַז די מלחמה זאָל אַרומכאַפּן די גאַנצע וועלט. דאָס איז אמת. אָבער עס הייסט ניט, אַז ס'איז שוין מער ניט מעגלעך צו קעמפן ווירקזאַם, אַז די מלחמה קעגן פּוילן זאָל ניט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ וועלט־קריג.

ס'איז הייntיקע צייטן אַן אָנגענומענער כלל, אַז די פעלקער פון דער וועלט ווילן ניט קיין מלחמה. ס'איז וויכטיק צו געדענקען דעם דאָזיקן פאַקט. ס'איז אָבער אויך וויכטיק צו געדענקען, אַז עס איז נאָך אַלץ מעגלעך פאַר די פעלקער פון ענגלאַנד, פראַנקרייך און אַמעריקע צו צווינגען זייערע רעגירונגען נאָכצופאָלגן אַן אמת'ע פרידנס־פּאָליטיק, וואָס דאָס מיינט — אויפגעבן די פּאָליטיק פון מינכענער פאַרראַט און מאַכן אַן ערנסטן פאַרזוך צו פאַרבינדן זיך מיט דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, וועלכער איז היינט־צו־טאָג אַ גרויסער, אַ פונדאַמענטאַלער כח אין דעם קאַמף פאַר וועלט־פרידן.

אין דעם דאָזיקן קאַמף ניט צו דערלאָזן, אַז די איצטיקע מלחמה זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ וועלט־מלחמה, דאַרף דער אַרבעטער־קלאַס שפּילן אַן אַנטשיידנדיקע ראָל, סיי אויף אַ נאַציאָנאַלן און סיי אויף אַן אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב. אין דעם דאָזיקן קאַמף ניט צו דערלאָזן, אַז די איצטיקע מלחמה זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ וועלט־מלחמה, זיינען דאָ צוויי לענדער, וואָס קאָנען דורך זייער קאָאָפּעראַציע אויסאיבן אַן אַנטשיידנדיקן איינפלוס אויף אָפּצושטעלן אָנגריף און ניט צו דערלאָזן צו אַ וועלט־מלחמה. די צוויי לענדער זיינען: דער סאָוועטן־פאַרבאַנד און אַמעריקע.

ס'איז אין דער מאַכט פון דעם אַמעריקאַנער פאָלק, ספּעציעל — פון די אַמעריקאַנער אַרבעטער — צו־שטאַנד ברענגען אַזאַ קאָאָפּעראַציע צווישן אַמעריקע און דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

וואָס קאָן דער אַרבעטער־קלאַס פון אונזער לאַנד און פון אַלע לענדער טאָן אין דעם איצטיקן קריטישן מאָמענט? דער אַרבעטער־קלאַס אין יעדן לאַנד און אויף אַן אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב איז בכח דורך פאַראייניקטער אַקציע אָפּצושטעלן מלחמה־אָנגריפן; צו באַזיגן די פּאָליטיק פון מינכענער פאַרראַטן, וואָס די רעאַקציאָנערע בורזשואַזיע פון אַלע לענדער, באַזונדער — פון ענגלאַנד און פראַנקרייך — פירט אָן; צו מאַכן אוממעגלעך די פאַרזעצונג פון אַזוינע פאַרראַטן און צו שטיצן די פירנדיקע ראָל פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד אין דעם קאַמף פאַר פרידן.

די רעאַקציאָנערע פירער פון דעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל און אין די אַמסטערדאַמער טרעיד־יוניאָנס האָט זיך ביז איצט איינגעגעבן ניט

צו דערלאָזן, אַז דער אַרבעטער־קלאַס זאָל זיך פֿאַראייניקן און זאָל אויסאיבן זיינע כחות פֿאַר וועלט־פֿרידן. די דאָזיקע רעאַקציאָנערע „לעיבאָר־לידערס" אין אַלע לענדער האָבן די גאַנצע צייט געשפּילט און שפּילן נאָך אַלץ טשעמבערלעינ'ס געים, פֿירנדיק אין דער אַרבעטער־באַוועגונג אַ פּאָליטיק, וואָס איז אין אַ גרויסער מאָס פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר דעם יאַפּאַנעזישן איבערפֿאַל אויף כינע, פֿאַר דער פֿאַרניכטונג פֿון טשעכאָסלאָוואַקיע און פֿאַר דעם איצטיקן איבערפֿאַל אויף פּוילן.

דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל האָט אין דעם משך פֿון די לעצטע צוויי יאָר געמאַכט ניט ווייניקער ווי צען פֿאָרשלאָגן צום סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל צו אַרבעטן געמיינשאַפֿטלעך פֿאַר פֿאַראייניקטער אַקציע פֿון דעם אַרבעטער־קלאַס אויף אַ וועלט־מאַסשטאַב און אין יעדן לאַנד קעגן אָנגריף און פֿאַר פֿרידן. די, וואָס זיינען פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר צוריקווייזן די דאָזיקע פֿאָרשלאָגן, וועלן דאַרפֿן אָפּגעבן דין וחשבון דעם אַרבעטער־קלאַס און די פֿעלקער פֿון דער וועלט.

ס'איז שוין צייט צו מאַכן אַ סוף צו די פּאָליסים פֿון די דאָזיקע רעאַקציאָנערן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. דער אַרבעטער־קלאַס אין יעדן לאַנד מוז פֿאָדערן, אַז די כחות פֿון די אַרבעטער אין אַלע לענדער זאָלן באַלד פֿאַראייניקט ווערן אין דעם קאַמף פֿאַר פֿרידן און אין דעם פֿאַרזוך צו פֿאַרמיידן די קאַטאַסטראָפֿע פֿון אַ נייער וועלט־מלחמה. דאָס קאָן געטאָן ווערן. נאָר די אַרבעטער־באַוועגונג און די אַרבעטנדיקע מאַסן פֿון יעדן קאַפּיטאַליסטישן לאַנד מוזן צוערשט געבן אַ ווירקזאַמען אויסדרוק צו זייער ווילן פֿאַר פֿאַראייניקטער אַקציע.

וואָס קאָן אַמעריקע טאָן? אַמעריקע איז דאָס גרעסטע בורזשואַז־דעמאָקראַטישע לאַנד אין דער וועלט. אונזער לאַנד איז ניט פֿאַראינטערעסירט אין מלחמה. ס'איז פֿאַראינטערעסירט אין איינהיטן דעם פֿרידן פֿאַר אַמעריקע, פֿאַר אייראָפּע, פֿאַר דער גאַנצער וועלט.

אַמעריקע איז ניט אַריינגעצויגן דירעקט אין די אימפּעריאַליסטישע ראַנגלערייען, וואָס האָבן דערפֿירט צום איצטיקן איבערפֿאַל אויף פּוילן. אַמעריקע איז דעריבער אין אַ לאַגע אויסצואיבן איר גרויסן איינפֿלוס, מאָראַליש און פּאָליטיש, אויף צו העלפֿן צוזאַמען פֿאַשיסטישן אָנגריף, ניט צו דערלאָזן צו קיין נייע מינכען־פֿאַרראַטן און העלפֿן אויסמיידן אַ נייע וועלט־מלחמה.

די רעאַקציאָנערע קאָאַליציע אין קאָנגרעס האָט, דורך אָפּזאָגן זיך צו ענדערן די נייטראַליטעט־געזעצן, אייגנטלעך ניט דערלאָזט, אַז אַמעריקע זאָל אויסאיבן די פֿולע מאַכט פֿון דעם לאַנד אויף דער זייט פֿון פֿרידן. די טאָרי־קאָאַליציע טראָגט דעריבער אַ שווערע פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַר דעם איבערפֿאַל אויף פּוילן און פֿאַר דער געפֿאַר, וואָס דאָס שאַפֿט פֿאַר דעם פֿרידן פֿון דער וועלט און פֿון אַמעריקע.

די אַמעריקאַנער רעגירונג קאָן ניט ווערן קיין צד אין די אימפּעריאַליס־

טישע שטריַיטן, וואָס האָבן דירעקט געפירט צום איבערפאַל אויף פּוילן. זי קאָן אָבער און דאַרף זיך אַריַינמישן, צוזאַמען מיט דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, פאַר דער נאַציאָנאַלער זעלבסטשטענדיקייט פון פּוילן, פאַר אַ פרידנס־פּאָליטיק, וואָס זאָל ניט דערלאָזן צו דער פאַרווירקלעכונג פון נייע מינכען־פאַרראַטן.

דער סאָוועטן־פאַרבאַנד, ניט געקוקט אויף זיַינע טרויעריקע דערפאַרונגען מיט טשעמבערלעין און באָנעי, האָט אָנגעבאָטן אַ פּאַקט פאַר קעגנזיַיטיקער פאַרטיידיקונג צו ענגלאַנד און פראַנקריַיך, אויב די דריַי לענדער זאָלן זיך קאָנען צונויפרעדן וועגן די באַדינגונגען פון אַזאַ פּאַקט. פּוילן האָט אָבער זיך ערקלערט אויסדריקלעך, אַז זי נויטיקט זיך ניט אין קיין סאָוועטישער מיליטערישער הילף און וועט אַזאַ הילף ניט אָננעמען. טשעמבערלעין און דאַלאַדיע האָבן געשטיצט דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט. די פראַגע איז דערפירט געוואָרן צו דעם פּאָלגנדיקן צושטאַנד: טשעמבערלעין האָט געוואָלט, אַז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד זאָל זיך פאַרפליכטן אויטאָמאַטיש אַריַינצוטרעטן אין אַ מלחמה מיט דיַיטשלאַנד, ווען טשעמבערלעין וועט וועלן; נאָר אַז צו דער זעלביקער ציַיט זאָלן די הענט פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד זיַין געבונדן און ער זאָל זיך ניט קאָנען רירן, סיידן טשעמבערלעין און זיַינע ראַטגעבער ווען אַנוויַיזן ווען און ווי אַזוי.

טשעמבערלעין איז אַפילו געווען גריַיט אַריַינצובלאָנדזשען אין אַ מלחמה אָן אַזאַ אָפּמאַך און האָט געגעבן פאַלשע פאַרזיכערונגען צו די פעלקער פון ענגלאַנד און פראַנקריַיך, אַז ער האָט גאַראַנטירט זייער זיכערקייט. טשעמבערלעין'ס פּאָליסי איז געוואָרן די גרעסטע געפאַר פאַר פּוילן, די גרעסטע געפאַר פאַרן סאָוועטן־פאַרבאַנד, פאַר אַמעריקע און פאַר די פעלקער פון ענגלאַנד און פראַנקריַיך גופא. די דאָזיקע פּאָליסי האָט געמוזט דעמאַסקירט און צעשמעטערט ווערן אום יעדן פּריַיז.

דורך זיַין דערקלערונג, אַז ער וועט ניט אַטאַקירן דיַיטשלאַנד, האָט דער סאָוועטן־פאַרבאַנד בלויז ווידערהאָלט זיַין שטענדיקע פונדאַמענטאַלע פּאָליטיק. אָבער דורך אַרויסקריגן פון היטלערן אַן ענלעכע גאַראַנטיע האָט דער סאָוועטן־פאַרבאַנד אָפּגעהאַלטן אַ זיג ניט בלויז פאַר זיך, נאָר אויך פאַר דעם פרידן פון דער גאַנצער וועלט. ער האָט צעשמעטערט די פאַשיסטישע אַקס, די קאָמבינאַציע פון מלוכות, וואָס זייער געמיינשאַפטלעכע אַקציע האָט צעשטערט דעם גליַיכגעוויכט פון דער גאַנצער וועלט. ער האָט צעשמעטערט די גאַנצע פאַשיסטישע אידעאָלאָגיע און באַפריַיט דאָס דיַיטשע פּאָלק פון זיַין היפּנאָז. ער האָט צעשטערט די אויסגאַנגסלאָזע לאַגע דורך וועלכער די וועלט איז געשטויסן געוואָרן צו מלחמה, אָן וועלכן ס'איז ערנסטן פאַרזוך צו פאַרמיידן אַ וועלט־מלחמה. און דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט, דורך דעם ניט־אָנגריף פּאַקט מיט דיַיטשלאַנד, אויפגעבויט אַ שטאַרקע פעסטונג־וואַנט קעגן אַ ווידערהאָלונג פון דעם שענדלעכן מינכען־אָפּמאַך, וואָס האָט פאַראַיאָרן פאַרניכטעט טשעכאָסלאָוואַקיע אָן דעם מינדסטן פאַרזוך זי צו ראַטעווען.

אַמעריקאַנער מענטשן דאַרפן אורטיילן יעדע געשעניש קודם כל פון דעם שטאַנדפּונקט פון אַמעריקאַנער נאַציאָנאַלע אינטערעסן. דער סאָוועטיש־

דייטשער פּאַקט האָט אַ סך פאַרבעסערט די פּאָזיציע פון די פאַראייניקטע שטאַטן. דער פּאַקט האָט שוין געבראַכט פון יאַפּאַן אַ דערקלערונג פון אייביקער ליבע צו אַמעריקע. די דערקלערונג איז געמאַכט געוואָרן אין טאָקיאָ פון די זעלביקע רעגירונגס־באַאַמטע, וואָס האָבן ערשט מיט עטלעכע וואָכן צוריק באָמבאַרדירט אַמעריקאַנער מיסיעס, געפּאַטשט אַמעריקאַנער פרויען און אין אַלגעמיין געטראָטן מיט די פיס די אַמעריקאַנער רעכט אין כינע. דער פּאַקט האָט פאַריאָגט דעם שווערן וואָלקן פון אַמעריקע׳ס פּאָזיציע אין ווייטן מזרח, וועלכע איז אַנומעלטן כאַראַקטעריזירט געוואָרן דורך דער זייער קאָנסערוואַטיווער זשורנאַליסטקע, דאָראָטי טאָמפּסאָן, ווי אַ געפאַר, אַז „עס וועט מער ניט זיין קיין אָפענע טיר אין כינע, קיין מאָנראָו־דאָקטרינע און קיין אייראָפּע . . . מיר וועלן האָבן איזאָלאַציע, וואָס וועט זיין באַשרענקט אויף צפון־אַמעריקע.” און מיט איין קלאַפּ האָט דער סאָוועטיש־דייטשער פּאַקט אָנגעהויבן צוריק איינשטעלן די אָפענע טיר אין כינע, אויפלייזן די געפאַר פאַר דער מאָנראָו־דאָקטרינע און געבן דעם ערשטן שטראַל האָפענונג, אַז אייראָפּע קאָן בלייבן לעבן.

די „איזאָלאַציע באַשרענקט אויף צפון־אַמעריקע” איז אויפגעלייזט געוואָרן כמעט איבער נאַכט און די שטים פון די פאַראייניקטע שטאַטן ווערט ווידער אויסגעהערט מיט רעספּעקט אין די רעגירנדיקע קרייזן פון דער וועלט.

אַלפרעד דאַף קופּער, געוועזענער פלאָט־מיניסטער פון ענגלאַנד, האָט אַנומעלטן זיך באַקלאָגט אין אַ צייטונגס־אַרטיקל אויף טשעמבערלעינען, אַז יענער איז אַ שלעכטער פיש־כאַפּער, ווייל ער האָט דערלויבט רוסלאַנד זיך אַרויסצודרייען פון זיין וואַנדקע. יאָ, דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט זיך אַרויסגעדרייט פון טשעמבערלעינ׳ס וואַנדקע, אָבער די סאָוועט־רעגירונג האָט אַ סך מאָל געוואָרנט טשעמבערלעינען און די גאַנצע וועלט, אַז זי זעט דעם האַטשעק פון דער וואַנדקע און וועט דעם האַטשעק ניט איינשלינגען. און אויב מר. טשעמבערלעין וויל „טאָן ביזנעס”, דאַרף ער אויפגעבן די ראָל פון אַ פיש־כאַפּער, אַוועקלייגן די וואַנדקע מיטן האַטשעק און זיך אַוועקזעצן ביי אַן ערנסטער קאָנפערענץ מיטן צוועק צו קומען וואָס שנעלער צו אַ פאַרשטענדיקונג צווישן גלייכע צדדים, כדי צו באַגעגנען ווי ס׳געהער צו זיין דעם קריזיס, וואָס רוקט זיך אָן אויף דער וועלט. זאָלן די, וואָס באַקלאָגן זיך, אַז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט „פאַרראַטן” וועמען ס׳איז דורכדעם, וואָס ער האָט זיך אָפּגעזאָגט איינצושלינגען טשעמבערלעינ׳ס האַטשעק, ענטפערן אָפן אויף דער פראַגע: „וואָלט איר געראַטן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד איינצושלינגען דעם האַטשעק? וואָלט איר געוואָלט, אַז אַמעריקע זאָל זיך באָמבלען אויפן עק פון מר. טשעמבערלעינ׳ס וואַנדקע? אויב דער ענטפער אויף דער דאָזיקער פראַגע איז „ניין”, דעמאָלט הערט אויף מיט אייערע פאַרלוימדונגען קעגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.”

דער אמת איז מעכטיק. דער אמת, די פאַקטן וועלן דערגרייכן צום אַמעריקאַנער פאָלק, פונקט ווי זיי האָבן דערגרייכט צום פראַנצויזישן פאָלק, ניט געקוקט אויף די נידערטרעכטיקע האַנדלונגען פון דער פראַנצויזישער

רעגירונג, וואָס האָט אונטערדריקט די „ל׳יומאַניטע״ און אַנדערע אַנטי־פאַשיסטישע צייטונגען. די גרויסע העצע־קאַמפּאַניע, וואָס ווערט געפירט דורך טשעמבערלעין׳ס פּאַרטיידיקער אין אַמעריקע מיטן צוועק צו דיס־קרעדיטירן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, וועט לײדן אַ קאַטאַסטראָפישן שיף־ברוך אויף די פעלזן פון אַמעריקאַנער גראָדן שכל.

אַלץ, וואָס אַמעריקאַנער דאַרפן טאָן, כדי ריכטיק צו פאַרשטיין דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און זיין ניט־אָנגריף פאַקט מיט דייטשלאַנד, איז זיך שטעלן די פראַגע: „ווי אַזוי וואָלט איך געוואָלט, אַז מיין רעגירונג זאָל האַנדלען אין דער איצטיקער וועלט־סיטואַציע? וואָלט איך געוואָלט, אַז וואַשינגטאָן זאָל איבערגעבן טשעמבערלעינען די מאַכט אַריינצושלעפּן אונז אין אַ מלחמה מיט דייטשלאַנד, ווען דאָס וועט זיך לוינען פאַר אים און מיט אַמעריקע׳ס באַוואָפנטע כחות אונטער זיין קאָנטראָל? צי וואָלט איך בעסער געוואָלט, אַז וואַשינגטאָן זאָל דערקלערן דאָס פאָלגענדע: אַזוי ווי אַמעריקע ווערט ניט באַדראָעט דירעקט און איז פייאיק זיך צו פאַרטיידיקן, וועלן מיר קעמפן בלויז דעמאָלט, ווען דער קאַמף איז אויסדריקלעך אין די אינטערעסן פון פרידן און ניט אין די אינטערעסן פון שטיצן טשעמבערלעין׳ס אימפּעריע; אַז מיר וועלן קעמפן בלויז דעמאָלט, ווען אונזער רעגירונג וועט זיך באַוואָרענען מיט גאַראַנטיעס, אַז מיר קעמפן ניט צוליב דעם, אַז אַ נייער און נאָך מער שוידערלעכער ווערסאַלער אָפּמאַך זאָל אַרויפגעצוואונגען ווערן אויף דער וועלט.״

די גרויסע מערהייט פון אַמעריקאַנער פאָלק וועט זיך גרינג איינגיקן אויף אַן ענטפער. און דער ענטפער וועט ממילא גוטהייסן די פרידן־פּאָליטיק פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און פון זיין ניט־אָנגריף פאַקט מיט דייטשלאַנד. אַמעריקע, ווי דער סאָוועטן־פאַרבאַנד, וויל ניט קיין מלחמה, וויל זיך ניט אַריינוואַרפן אין די אימפּעריאַליסטישע רייסערייען אין אייראָפּע און וועט זיך אַריינמישן בלויז אויף דער זייט פון די פעלקער קעגן זייערע מלחמה־מאַכנדיקע רעגירונגען, כדי צו העלפן שאַפן אַ פרידן פון פעלקער און אַ וועלט פון פעלקער.

2.

איינִיקייט צו באַזיגן די רעאַקציע אין 1940

די אַמעריקאַנער קאָמוניסטישע פּאַרטיי איבט אויס אַ וויכטיקן פּאָליטישן איינפלוס אין אַמעריקע. מיליאָנען מענטשן רעכענען זיך מיט אונזערע באַשלוסן און זיינען פון זיי באַאיינפלוסט, אפילו אויב אונזער פּאַרטיי־מיטגלידערשאַפט האָט ערשט דערגרייכט ביז הונדערט טויזנט. אונזערע שונאים פאַרצייכענען די וויכטיקע ראָל פון אונזער פּאַרטיי נאָך שטאַרקער ווי אונזערע פריינט און אָפטמאָל איבערטרייבן זיי אַפילו זייער גראָב אונזער איינפלוס צוליב זייערע אייגענע רעאַקציאָנערע צוועקן. די דאַיעז־קאָמיטע האָט געשאַפן איינעם פון די פאַנטאַסטישסטע ביישפילן פון אַזאַ איבערטרייבונג. מר. סאָקאָלסקי, דער הויך־באַצאָלטער אַגיטאַטאָר פאַר די גרויסע קאַפּיטאַליסטישע קערפּערשאַפטן, האָט אַפילו באַשולדיקט אונזער פּאַרטיי, אַז זי באַהאַלט אַבזיכטלעך איר אייגענע מאַכט. מיר האָבן זיך אָבער אויסגעלערנט צו בלייבן קיל אין מיטן פון די אַלע צעטומלענישן און קאָנפליקטן, אָפּצושאַצן פּינקטלעך אונזער אייגענע קראַפט און אונזער ראָל, ניט צו איבערטרייבן אונזער אייגענע פּאָזיציע און ניט צו אונטערשאַצן זי. ס'איז ניט מער ווי אַ ניכטערער אורטייל צו זאָגן, אַז אונזער פּאַרטיי איז געוואָרן איינער פון די אַנטשיידנדיקע איינפלוסן אין לאַנד, ווייל אַלע לאַגערן אין אַמעריקאַנער פּאָליטישן לעבן געפינען עס פאַר נויטיק אַריינצונעמען אין חשבון די קאָמוניסטישע פּאַרטיי.

דעם דראַמאַטישסטן ביישפּיל דערפון האָט מען געזען אין די לעצטע וואָכן, ווען אַמעריקאַנער צייטונגען, וואָס האָבן אַ טיראַזש פון פערציק ביז פופציק מיליאָן קאָפּיעס אַ טאָג, האָבן זיך אָנגעהויבן ווענדן דירעקט צו די הונדערט טויזנט מיטגלידער פון דער קאָמוניסטישער פּאַדטיי און אַפּעלירן צו זיי, אַז זיי זאָלן זיך אָפּקערן פון זייערע פירער. אָבער די אַלע מורא'דיקע אָנשטרענגונגען פון דעם באַרג האָבן אַפילו ניט געקאָנט געבוירן קיין מויז.

מיט אָט־דער נייער ראָל אונזערער קומט אַ שווערער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. מיר מוזן וועגן און מעסטן יעדע פּאָליסי, יעדן באַשלוס, אַפילו יעדן וואָרט, כדי צו זיין זיכער, אַז ס'וועט ווירקלעך דינען די בעסטע אינטערעסן פון דעם אַרבעטער־קלאַס און פון דעם אַמעריקאַנער פאָלק אין זיין גרויסער מערהייט. מיר מוזן זיך דערגראָבן צום גרונט פון יעדער פּראָבלעם און „אישו", ניט בלויז ווי זי זעט אויס אין דעם איצטיקן מאָמענט, נאָר אין איר היסטאָרישער אַנטוויקלונג און הינטערגרונט. און מיר מוזן זיין באַקאַנט מיט דער געשיכטע פון אונזער אייגענער פּאַרטיי, מיט די היסטאָרישע כחות, וואָס האָבן זי געשאַפן, די שוועריקייטן און פאַרקריפּלונגען פון איר וואוקס, די קראַנקהייטן, וואָס זי האָט דורכגעמאַכט און בייגעקומען אַזוי גוט ווי דעם אוצר דערגרייכונגען, וואָס זי האָט פאַרצייכנט. מיר מוזן פאַרשטיין אונזער

פאַרהעלטעניש צו די אַמעריקאַנער און וועלט־כחות. מיר מוזן וויסן פון וואַנען מיר זיינען געקומען און וואוהין מיר גייען.

צוריק מיט צוואַנציק יאָר זיינען געשאַפן געוואָרן די ערשטע באַשטימט־קאָמוניסטישע פּאָליטישע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע מיטן צוועק צו אַנטוויקלען דעם מאַרקסיזם־לעניניזם אויף דעם אַמעריקאַנער באָדן. דאָס איז געווען אַ מאָמענט פון שאַרפן פּאָליטישן קאַמף אין אַמעריקע, אַ קאַמף צו אַנטוויקלען דעם נאָך־מלחמה קורס פון אונזער לאַנד. יענער פּעריאָד אַנט־האַלט אַ סך לעקציעס פאַר אַמעריקע פון היינט־צו־טאָג. דעמאָלט, אַזוי ווי איצט, האָבן די כחות פון דעמאָקראַטישן פאָרשריט זיך פאַרמאָסטן צו פאַר־וואַנדלען די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי אין אַן אינסטרומענט פון דעם פאָלקס־ווילן ; דעמאָלט, אַזוי ווי איצט, האָבן די כחות פון רעאַקציע זיך פאַרזאַמלט אַרום דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי, וועלכע איז אַכט יאָר געווען אויסער מאַכט ; דעמאָלט, אַזוי ווי איצט, האָט די סטראַטעגיע פון דעם רעאַקציאָנערן לאַגער געצילט צו צעשפּליטערן דעם דעמאָקראַטישן פראָנט, באַנוצנדיק זיך מיט דער „רויטער געפאַר" ווי מיט דעם שאַרפן שפּיץ פון קלין ; דעמאָלט, אַזוי ווי איצט, האָט דער רעפּובליקאַנער רעאַקציאָנערער גענעראַל־שטאַב זיך געשטיצט הויפּטזאַכלעך אויף דער קאָאָפּעראַציע פון דעם רעאַקציאָנערן פליגל פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי און זיינע פאַרטרעטער אין דער ווילסאָן־אַדמיניסטראַציע גופא. ווילסאָן האָט געהאַט זיין א. מיטשעל פּאַלמער, וועלכער וועט אַריין אין דער געשיכטע צוליב צוויי זאַכן : זיינע שענדלעכע „רויטע רעידס" אויף דער יונגער קאָמוניסטישער באַוועגונג און די מאַסן־דעפּאָרטאַציעס אין פאַרבינדונג מיט די „רעידס" ; און די קאָרופּטע פאַר־וואַלטונג זיינע מיט די פאַרמעגנס פון אויסלענדישע בירגער פון די לענדער, מיט וועלכע אַמעריקע האָט געקעמפט אין דער וועלט־מלחמה. אָט־די קאָרופּציע־סקאַנדאַלן האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין דעם צוזאַמענברוך פון דער ווילסאָן־אַדמיניסטראַציע. רוזוועלט האָט היינט־צו־טאָג אַ מאָדערנע אויפלאַגע פון א. מיטשעל פּאַלמער אין דער פּערזאָן פון מאַרטין דאַיעז מיט זיין טרויעריק־באַרימטער קאָמיטע וועגן „אומאַמעריקאַנער טעטיקייטן".

די רעאַקציאָנערן פון היינט־צו־טאָג געדענקען ווי אַזוי א. מיטשעל פּאַלמער האָט פאַר זיי געעפנט דעם וועג פאַר זייער טריאומפאַלן צוריקקער צו מאַכט אין 1920, און זיי ווידערהאָלן די דאָזיקע סטראַטעגיע ווי זייער וויכטיקסטן סטראַטעגישן צוג אין דער וואַל־קאַמפּאַניע פון 1940. אָבער אַ סך וואַסער איז פאַרלאָפן אונטערן בריק אין די לעצטע צוואַנציק יאָר. די אַמעריקאַנער פאָלק־מאַסן זיינען ווייניק־וואָס באַגייסטערט פאַר דער אויס־זיכט צוריקצוברענגען די טעג פון האַרדינג, קולידזש און באַזונדערס — הואוווער.

זיי קאָנען ניט פאַרגעסן, אַז היטלער איז געשטיגן צו מאַכט אין דייטש־לאַנד און האָט געבראַכט די גאַנצע וועלט אונטער דעם שאָטן פון מלחמה און קאַטאַסטראָפע גראָד מיט די לאָזונגען פון פּאַלמער און דאַיעז. זיי קאָנען ניט פאַרקוקן דעם פאַקט, אַז די שפּאַנישע רעפּובליק איז אומגעבראַכט געוואָרן

אויף אַ באַרבאַרישן אופן אונטער דער זעלביקער פאָן. זיי זעען די „אומפּאַרטייאישקייט" מיט וועלכער די „אַנטי־קאָמינטערן" פאָן איז אָנגעווענדט געוואָרן אויף צו באַרעכטיקן די פאַרניכטונג פון עטיאָפּיע, עסטרייך, טשעכאָסלאָוואַקיע און אַפילו פון דער קליינער אַלבאַניע. זיי זיינען דערשטוינט פון די שווידערס פון די יאַפּאַנעזישע מיליטערישע אַוואַנטורעס אין כינע, וואָס ווערן אָנגעפירט אונטער דער זעלביקער פאָן. און זיי קאָנען ניט פאַרפעלן צו וויסן, היינט־צו־טאָג, אַז דער געשריי קעגן דער „רויטער געפאַר" האָט דעם ציל הויפּטזאַכלעך צו פאַרניכטן די אַרבעטער־באַוועגונג און די גאַנצע פּראָגראַם פון „נייעם דיל", אויף וויפיל זי האָט פאַרלייכטערט די לאַגע פון די פאָלקס־מאַסן. עס וועט דעריבער ניט זיין אַזוי גרינג צו „פאַרקויפן" דעם אַמעריקאַנער פאָלק די 1940־אויפלאַגע פון פּאַלמער'ס „רויטער געפאַר" פון 1920. צו זיין באַוואָרנט באַצייטנס איז צו זיין באַוואָפנט באַצייטנס, זאָגט דער אַמעריקאַנער, און דאָס אַמעריקאַנער פאָלק האָט פאַר זיך די שרעקלעכע וואָרנונג וועגן דער לאַגע אין יעדן לאַנד, וואו די „אַנטי־קאָמינטערן" העלדן האָבן פאַרכאַפּט די מאַכט.

אויך האָבן די צוואַנציק יאָר ניט געלאָזט דעם דעמאָקראַטישן פּראָנט אין דער זעלביקער לאַגע, ווי ער איז געווען אין וואודראָו ווילסאָנ'ס צייט. פּונקט ווי רוזוועלט פּערזענלעך שטייט מיט קאָפּ העכער פון ווילסאָנען אין דער אויסגעהאַלטנקייט פון זיין פאַרטיידיקן די מיטל־וועג דעמאָקראַטיע, אַזוי שפּיגלט ער אָפּ און דריקט אויס די העכערע שטופּע פון אָרגאַניזאַציע און פאַרשטענדעניש פון דער דעמאָקראַטישער מאַסן־באַוועגונג פון דעם אַמעריקאַנער פאָלק. און — וואָס איז גאָר וויכטיק — די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז איצט ניט דאָס קינד פון פאַר צוואַנציק יאָר. זי איז דערוואָקסן צו פּאָליטישער רייפקייט. ס'איז פאַראַן עפּעס סימבאָלישעס אין דעם פאַקט, וואָס אונזער פּאַרטיי וועט ווערן 21 יאָר און וועט דערגרייכן דעם געזעצלעכן עלטער פאַר שטים־רעכט ערב די וואַלן פון 1940. יאָ, די צוואַנציק יאָר האָבן געענדערט אונזער לאַנד און די גאַנצע וועלט. און אין די דאָזיקע ענדערונגען זעען מיר די באַדינגונגען פאַר דעם זיג פון פאָלק, להיפּוך די רעזולטאַטן פון 1920.

די טאָרים קעגן פאָלק — די „אישו" פון 1940

ווען די טאָרי־קאָאַליציע אין קאָנגרעס האָט חרוב געמאַכט דעם פּרעזידענט'ס געזעצגעבנדיקע פּראָגראַם, ספּעציעל ווען די קאָאַליציע האָט אין איילעניש און אין אומאָרדענונג געשלאָסן די קאָנגרעס־סעסיע און האָט אַפילו ניט געבראַכט צו אַ דעבאַטע דעם פּרעזידענט'ס פּראָגראַם פון אויסבאָרגן געלט פאַר קאַפּיטאַלע אינוועסטירונגען אונטער רעגירונג־אויפזיכט און דערמוטיקונג; און ווען די קאָאַליציע האָט פאַרבלאָקירט דעם פּרעזידענט'ס אויסלענדישע פּאָליטיק, — איז דערמיט די פּאָליטישע בינע אין אַלע אירע וועזנטלעכע שטריכן צוגעגרייט געוואָרן פאַר די וואַלן פון 1940.

דעם פּרעזידענט׳ס גזעצגעבנדיקע פּראָגראַם איז אבזיכטלעך רואינירט געוואָרן. אַ מינאָריטעט קאָנגרעסלייט פון דעם פּרעזידענט׳ס פּאַרטיי (אַרום אַ פערטל ביז צו אַ דריטל) האָט זיך פאַראייניקט מיט אַ פעסטער רעפּובּליקאַנער אָפּאָזיציע אויף דורכצואווארפן דעם פּרעזידענט׳ס וויכטיקסטע פאָרשלאָגן און צו־נישט מאַכן זיינע פריערדיקע דערגרייכונגען.

אָט־דער דזשאַב פון ברעכעריי איז דורכגעפירט געוואָרן אונטער די דעמאַגאָגישע לאָזונגען פון „עקאָנאָמיע", פון „צוריק איינפירן פרייע דעמאָקראַטישע פּראָצעסן", פון „זעלבסטשטענדיקייט פון קאָנגרעס" און „אויסהיטן אַמעריקע פון מלחמה". די גרינטלעכע פאַלשקייט פון די דאָזיקע לאָזונגען איז באַוויזן געוואָרן גראָד אין דער צייט, ווען די ברעכעריי איז דורכגעפירט געוואָרן.

די טאָרי־קאָאַליציע האָט געמאַכט אַ תל פון דעם פּרעזידענט׳ס עקאָנאָמישער פּראָגראַם אונטער דעם לאָזונג פון „עקאָנאָמיע". אָבער גראָד אין דער צייט, ווען די טאָרי־קאָאַליציע האָט צעשטערט די מעגלעכקייט פאַר דער רעגירונג צו נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דעם עקאָנאָמישן לעבן, האָט די זעלביקע קאָאַליציע אַסיגנירט כמעט מיט צוויי ביליאָן דאָלאַר מער ווי דער פּרעזידענט האָט פאָרגעשלאָגן. די טאָרים זיינען נישט געווען קעגן „אויסברענגעריי", ווען זיי האָבן געקאָנט אויסנוצן די אַסיגנירונגען פאַר דעם צוועק פון חרוב מאַכן אַ געפּלאַנטע פּראָגראַם, פאַרגרעסערן די אומאָרדענונג אין דער נאַציאָנאַלערווירטשאַפט און פאַרשטאַרקן זייערע אייגענע פּאָזיציעס אין די וואַלן. אין נאָמען פון „עקאָנאָמיע" האָבן די טאָרים זיך אָפּגעזאָגט אַפילו צו דיסקוטירן די פאָרשלאָגן וועגן גרויסע קאַפּיטאַלע אינוועסטירונגען אונטער רעגירונגס־גאַראַנטיעס, כדי צו שאַפן מער רייכטום פאַרן לאַנד. דאָ איז אַפילו נישט געווען קיין אָנשטעל פון פאָרמעלער „עקאָנאָמיע"; ס׳איז געווען הוילע ברעכעריי.

די טאָרי־קאָאַליציע האָט זיך באַרימט, אַז זי האָט אויף דאָס ניי איינגעפירט „פרייע דעמאָקראַטישע פּראָצעסן" אין דער רעגירונג. די טאָרים האָבן אָבער געמאַכט זייערע איבערפאַלן, ווען דאָס איז נאָר געווען מעגלעך, אין געהיים, אויסמיידנדיק ווי וויט מעגלעך רעקאָרד־אָפּשטימונגען און באַנוצנדיק זיך מיט אַלערליי פּאַרלאַמענטאַרישע קונצן און דריידלעך. יעדער טאָרי־קאָנגרעסמאַן האָט אָנגעווענדט יעדן מעגלעכן טריק, כדי אויסצומיידן פּערזענלעכע און פּאַרטיי־פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די רעזולטאַטן פון זייער ברעכערישער אַרבעט.

אַזוי אַרום האָט דאָס לאַנד צוגעזען אַ חורבן פון געזעצגעבונג, אין וועלכן די רעפּובּליקאַנער האָבן געשריען און שרייען: „מיר זיינען ניט פאַראַנטוואָרטלעך; זיינען מיר דען ניט אַ מינאָריטעט אין קאָנגרעס?" די טאָרי־דעמאָקראַטן פאַרענטפערן זיך: „מיר האָבן בלויז געשטימט לויט אונזער אינדיווידועלן געוויסן", און די לאָיאַלע דעמאָקראַטן גיבן צו, אַז „מיר זיינען באַזיגט געוואָרן דורך דעזערטירן פון אונזערע אייגענע רייען." און אָט־דער גאַנצער סאַבאָטאַזש פון דעם דעמאָקראַטישן רעגירונגס־פּראָצעס ווערט דאָס

אָנגעגעבן ווי די „ווידער־אויפשטעלונג פון דעמאָקראַטישע פּראָצעסן״. קיין זאַך קען ניט דיסקרעדיטירן און אונטערגראָבן מער די פאָרם פון פאַר־לאַמענטאַרישער דעמאָקראַטיע, ווי גראָד אַזאַ אומפאַראַנטוואָרטלעכער כאַאָס, דער פּראָדוקט פון פאַרראַט און פּרינציפּנלאָזע קאָאַליציעס.

די טאָרי־קאָאַליציע האָט גע׳טענה׳ט, אַז די ברעכעריי איז געווען נויטיק כדי צוריקצוברענגען די „זעלבסטשטענדיקייט פון קאָנגרעס״. לויט דעם לאָזונג פון די טאָרים איז דער קאָנגרעס „אונטעריאָכט״, ווען ער האַלט זיין מאַיאָריטעט פאַראייניקט אַרום אַ פּראָגראַם און אַ פירערשאַפט, צוליב וועלכער ער איז דערוויילט געוואָרן; נאָר דער קאָנגרעס איז „זעלבסטשטענדיק״, ווען ער פירט דורך די פּראָגראַם, וואָס ווערט אין עצם דיקטירט דורך דער מינאָריטעט־פּאַרטיי און איר פירערשאַפט, וועלכע זיינען אַנטשיידן נידער־געשטימט געוואָרן ביי די וואַלן. מיט אַנדערע ווערטער, „זעלבסטשטענדיקייט״ אויף דער שפּראַך פון טאָרים מיינט זיך ניט רעכענען מיט דעם ווילן פון פאָלק. ווי אַ רעזולטאַט פון אָט־דעם טאָרי־סאַבאָטאַזש און ברעכעריי איז דער קאָנגרעס זעלטן אַזוי געפאַלן אין די אויגן פון פאָלק ווי ביי זיין לעצטער סעסיע. און פאַרקערט, זעלטן ווען דער קאָנגרעס האָט געקראָגן אַזוי־פיל לויב מצד די טראַדיציאָנעלע שונאים פון פאָלק, די גרויסע באַנקירן און זייערע פּאָליטישע אַגענטן.

די טאָרי־קאָאַליציע האָט פאַרבלאָקירט דעם פּרעזידענטס פאַרזוך צו אַמענדירן די שעדלעכע און געפערלעכע „נייטראַליטעט״־געזעצן, מיט דעם תירוץ, אַז דאָס וועט „אונדז אויסהיטן פון מלחמה״. אָבער זייער האַנדלונג האָט אַרויסגערופן דעם גרעסטן ענטוזיאַזם און שטיצע גראָד אין די אָפיציעלע קרייזן און צייטונגען פון בערלין, רוים און טאָקיאָ, צווישן די אַלגעמיין־אָנערקענטע מלחמה־צינדער.

„לויט זייערע מעשים זאָלט איר זיי קענען.״ די טאָרי־קאָאַליציע אין קאָנגרעס האָט אָנגעהויבן אַ מלחמה קעגן די בירגערלעכע פרייהייטן פון דעם אַמעריקאַנער פאָלק, קעגן אונזערע דירעקטע עקאָנאָמישע לעבנס־מעגלעכקייטן, קעגן אונזערע אויסזיכטן פאַר עקאָנאָמישער דערהאָלונג, קעגן אונזערע דעמאָ־קראַטישע רעגירונגס־פּראָצעסן און קעגן אונזער פרידן. אויב מיר האַלטן ניט, אַז די דאָזיקע ברעכעריי איז געווען אַ רעזולטאַט פון פּשוט׳ער טעמפּקייט אָדער בלינדער בייזוויליקייט, מוזן מיר קומען צום שלוס, אַז דער טאָרי־לאַגער האָט אַבזיכטלעך זיך פאַרגעבן מיט דעם צוועק צו שאַפן כאַאָס אין אַמעריקע ווי אַ נויטיקע פאָרבאַדינגונג אויף צו פאַרכאַפּן די מאַכט. דער לאַנג־אָנגעהאַלטענער זיץ־סטרייק פון קאַפּיטאַל איז שוין פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַלגעמיינער פּראָגראַם פון פּאָליטישער, בירגערלעכער און עקאָנאָמישער אומאָרדענונג, פון צעטומלעניש און צוזאַמענברוך. קיין אַנדער אויספיר שטימט ניט מיט די פאַקטן פון די טאָרי־האַנדלונגען.

די פאַרצווייפלטע און געפערלעכע צעשטערונגס־פּאָליטיק פון די טאָרים, סיי רעפּובליקאַנער און סיי דעמאָקראַטן, פליסט אַרויס פון זייער באַוואוסט־זיין, אַז די גרויסע מערהייט פון פאָלק (און פון די בירגער, וואָס שטימען)

איז קענן זיי און שטיצט דעם פּרעזידענט און די אַלגעמיינע ריכטונג פון זיין פּאָליטיק. ס'איז פאַראַן גאָר ווייניק אויסזיכטן פאַר אַ רעפּובליקאַנער זיג אין די פּרעזידענט־וואַלן פון 1940 קעגן אַ „נייעם דיל" קאַנדידאַט, — צי דאָס איז רוזוועלט אַליין אָדער עמעצער אַנדערש, וואָס זאָל האָבן רוזוועלט'ס שטיצע און וואָס זאָל דורך זיין רעקאָרד גאַראַנטירן די פאָרזעצונג פון דער זעלביקער פּאָליטיק. דער ערשטער גרויסער פאַרזוך פון די רעאַקציאָנערן דריקט זיך דעריבער אויס אין דעם, אַז רוזוועלט אָדער וועלכער עס איז אמת'ער „ניו דילער" זאָל ניט נאָמינירט ווערן אויף דער דעמאָקראַטישער קאָנווענשאָן. כדי די טאָרים זאָלן געווינען, מוז דעריבער דער פּרעזידענט דיסקרעדיטירט ווערן אין זיין אייגענער פּאַרטיי און אין לאַנד.

דאָס איז דער ציל, וואָס דער טאָרי־לאַגער האָט זיך געשטעלט. פון דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט ווערט קלאָר און פאַרשטענדלעך זייער גאַנצער קורס, פּונקט ווי עס ווערט קלאָר אַז ס'איז אַ קאַטאַסטראָפישער קורס פאַרן אַמעריקאַנער פאָלק. ווייל די טאָרים ווילן ליבערשט רעגירן אין אַ לאַנד, וואָס איז דערפירט געוואָרן צו חורבן, איידער איינגיין אויף אַ ווייטערדיקער אַנט־וויקלונג פון דעמאָקראַטיע און פון דעם „נייעם דיל". זיי זאָגן זיך אָפּ צו דערלויבן אַן עקאָנאָמישע דערהאָלונג אין לאַנד, אויב דאָס זאָל פאַרשטאַרקן די מאַסן־באַוועגונג פון פאָלק, און ספּעציעל פון אַרבעטער־קלאַס. זייער גאַנצער קורס דריקט זיך אויס אין זייער אַנטשלאָסנקייט „צו באַזיגן רוזוועלטן אום יעדן פּרייז".

אָט־די פאַרצווייפלונגס־סטראַטעגיע פון די טאָרים האָט אויפגעוועקט ביי די מאַסן אַ געפיל פון מורא און חשד; אָט־די סטראַטעגיע האָט דאָס אַלץ־שטאַנד געבראַכט די מאַסן־באַוועגונג צו „דרעפּטן" רוזוועלטן פאַר אַ דריטן טערמין. די טאָרי־אַטאַקעס קעגן דעם פּרעזידענט זיינען געווען אַזוינע צעיושעטע, אַז זיי האָבן אַריבערגעשאָסן זייער ציל און זיינען אַליין געוואָרן אַן אָנרעגונג פאַר אַ טיפער און אַנטשלאָסענער באַוועגונג צו האַלטן רוזוועלטן אין אַמט אויף נאָך פיר יאָר.

שוין לעצטן מאַי, אויף דער סעסיע פון אונזער נאַציאָנאַלער קאָמיטע, האָבן מיר געגעבן אַ פאָר־בילד פון די קומענדיקע געשעענישן אין דעם נאַציאָנאַלן פּאָליטישן לעבן, און די פּאַסירונגען זינט דעמאָלט האָבן באַוויזן, אַז אונזער אָפּשאַצונג איז געווען אַ ריכטיקע. מיר מוזן זאָגן, אַז מיר האָבן געהאַט אַ מעות אין צוויי הינזיכטן: מיר האָבן פאַרפעלט צו באַטאָנען ווי ס'געהער צו זיין די פאַרצווייפלטע אַנטשלאָסנהייט פון דעם טאָרי־לאַגער צוריקצוגעווינען די מאַכט אום יעדן פּרייז און האָבן דעריבער נישט געוואָרנט געגנוג וועגן די שטייגנדיקע געפאַרן פאַרן אַרבעטער־קלאַס און פאַרן לאַנד; און צו דער זעלביקער צייט האָבן מיר נישט געזען די פולע טיפקייט פון פאַרשטענדעניש צווישן די פאָלקס־מאַסן בנוגע די פונדאַמענטאַלע „אישום". קאָנקרעט, האָבן מיר ניט דערוואַרט, אַז די טאָרי־קאָאַליציע וועט גיין אַזוי ווייט, ווי צו שטימען פאַר דער אַסיגנירונג פון צוויי ביליאָן דאָלער אַריבער רוזוועלט'ס בודזשעט־אויסרעכענונגען צוליב דעם איינציקן צוועק פון פאַר־

מאַסקירן זייער צעשטערונג פון רוזוועלט'ס גאַנצער פּראָגראַם. מיר האָבן אויך ניט פאַראויסגעזען די פולע טיפקייט, דעם פאַרנעם און די שנעלקייט מיט וועלכע די מאַסן וועלן זיך אָפּרופן אויף דער פאָדערונג וועגן אַ דריטן טערמין פאַר דעם פּרעזידענט. דאָס אַלץ דאַרף אונז וואָרענען, אַז די הויפּט־קוואַלן פון פּאָליטישע טעות'ן היינט־צו־טאָג ליגן אין דעם פאַרפעלן אָפּצושאַצן די מורא'דיקע שנעלקייט, מיט וועלכער די געשיכטע באַוועגט זיך.

ווער וועט קאָנטראָלירן די דעמאָקראַטישע קאָנווענשאָן?

די ערשטע פאַזע פון דעם וואַל־קאַמף פון 1940 צווישן דעם פאָלק און דער טאָרי־קאָאַליציע איז קאָנצענטרירט און וועט פאַראייניקט ווערן אויף דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי־קאָנווענשאָן. ווער וועט קאָנטראָלירן די קאָנווענשאָן? וועט דאָס זיין רוזוועלט און די כחות פון דעם „נייעם דיל", אָדער דער טאָרי־פליגל מיט גאַרנער'ן אָן דער שפּיץ, וואָס אַרבעט אין קאָאַליציע מיט דער הויכער קאָמאַנדע פון דער רעפּובליקאַנער טאָרי־פּאַרטיי?

וואָס איז שייך דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי, קאָן אַזאַ פראַגע ניט געשטעלט ווערן. אין די רעפּובליקאַנער רייען מערקט זיך אַ גרויסע און וואַקסנדיקע פּראָגרעסיווע שטימונג, זי איז אָבער ניט אָרגאַניזירט, האָט ווייניק מעגלעכקייטן צו קומען צום אויסדרוק און איז אינגאַנצן אומפּייאיק צו קריגן דעם קאָנטראָל איבער דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי. די פּראָגרעסיווע שטימונג וועט באַאיינפלוסן די רעפּוליקאַנער קאָנווענשאָן בלויז אינדירעקט, אויף וויפיל עס וועלן מעגלעך געמאַכט ווערן דעמאַגאָגישע קאָנצעסיעס אין פאָרם און אין פראַזן איבער מינדערוויכטיקע „אישום", כדי די פּראָגרעסיווע עלעמענטן זאָל ניט פאַרלאָזן די רעפּובליקאַנער פּאַרטיי אין די נאָוועמבער־וואַלן. אָבער וואָס די רעפּובליקאַנער פּלאַטפאָרם זאָל נישט זיין און ווער עס זאָל נישט זיין איר קאַנדידאַט, וועט איר הערשנדיקע מאַכט און פּאָליטישע ריכטונג באַשטימט ווערן דורך וואָל־סטריט און וועט באַגריסט ווערן דורך די פאַשיסטן איבער דער גאַנצער וועלט. אַזויפיל קען מען זאָגן מיט זיכערקייט.

פאַרקערט, די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי איז פּאַרטאָן אין אַ קאַמף וועגן קאָנטראָל, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן ניט אין דער אַמעריקאַנער געשיכטע, זינט דעם בירגער־קריג, אין פּרט פון ביטערקייט און שאַרפקייט.

שוין לעצטן מאַי האָבן מיר געגעבן אַ פונדאַמענטאַלן אַנאַליז פון דעם דאָזיקן קאַמף און אַן אָפּשאַצונג פון די כחות אויף ביידע זייטן. עס איז ניט נויטיק צו ווידערהאָלן דאָס נאָכאַמאָל. דאָס וואָס מיר האָבן דעמאָלט געזאָגט, ווערט איצט באַשטעטיקט דורך די געשעענישן. עס בלייבט בלויז צוצוגעבן אַן אָפּשאַצונג וועגן דער ווירקונג פון די געשעענישן זינט דעמאָלט אויף ביידע לאַגערן און אויף דער פּערספּעקטיווע פון זייער קאַמף.

האָבן די טאָרי־דעמאָקראַטן צוגעקראָגן מער מאַכט אין זייער אייגענער פּאַרטיי דורך זייערע ברעכערישער קאָאַליציע מיט די רעפּובליקאַנער אין קאָנגרעס, אָדער זיי האָבן פאַרלוירן אַ טייל פון זייער מאַכט? האָט זיך די טאָרים

איינגעגעבן צו שאפן דעם איינדרוק צווישן די מאסן, אז „רוזוועלט איז דורכגעפאלן” און אז „דער נייער דיל איז אויסגעשפילט” ?

בעת מיר זוכן דעם ענטפער אויף דער דאזיקער פראגע, מוזן מיר זיין פארזיכטיק און זיך אויסהיטן פון דער געפאר פון „וואונטש־געדאנקען”, פון קומען צום שלוס, אז אויב די לאגע איז קלאר פאר אונז, איז זי אויך פונקט אזוי קלאר פאר די מאסן פון פאלק. מיר וויסן פון ביטערער דערפארונג, אין אמעריקע און אין אנדערע לענדער, אז עס איז מעגלעך פאר די טארי־כחות מיט זייערע ריזיקע מיטלען, ווי לינקאלן האט זיך אויסגעדריקט, — צו „אפנארן אלע מענטשן אויף א געוויסער צייט” אדער צום ווינציקסטן — א מערהייט פון פאלק אויף א געוויסער צייט. מיר מוזן אויסגעפינען, אזוי פינקטלעך ווי עס לאזט זיך, וואס פאר א מאס דערפאלג דער טארי־לאגער האט פארצייכנט אין זיין פארזוך ארויפצוווארפן אויף דעם פרעזידענט די שולד פאר זייער אייגענער ברעכעריי.

דער ערשטער און דער וויכטיקסטער פון די טארי־דערפאלגן אויף דעם געביט פון נארן די מאסן נעמט זיך פון דער טענדענץ צווישן די פאליטיש־אפגעשטאנענע עלעמענטן צו פארבינדן די שעדלעכע רעזולטאטן פון די קאנגרעס־סעסיעס מיט דער דעמאקראטישער מערהייט אין קאנגרעס און מיט דעם „נייעם דיל”, אריינרעכענענדיק רוזוועלטן, דעם הויפט־פירער פון דער פארטיי, וועלכע האט די מאכט און וועלכע האט דורכגעפירט גראד די פראגראם פון דער אפאזיציע. די אפאזיציע — די רעפובליקאנער — איז פארגעסן געווארן און ווערט ניט געהאלטן פאראנטווארטלעך, ספּעציעל ווען די רעפובליקאנער מאכן א פרומען פנים און זאגן, אז ווען זיי וואלטן געווען אין דער מאיאריטעט, וואלטן זיי דורכגעפירט א בעסערע פראגראם, וואלטן געלייזט אלע פראבלעמען און צוריקגעבראכט „פראספעריטי” פאר אלעמען.

אט־דער נאאיווער אופן פון טראכטן מערקט זיך אומעטום און איז, אן ספק, אן עלעמענט פון דערפאלג פאר דער טארי־סטראטעגיע. דער דאזיקער אופן פון טראכטן ווערט געשטיצט דורך נארמאן טאמאס און זיינע „סאציאליסטן”, דורך די טראצקיסטן פון אלע סעקטן, דורך דער לאוועסטאניסטישער גרופע, דורך דער סאציאל־דעמאקראטישער פעדעראציע און די רעאקציאנערסטע פירער פון דער א. פ. או ל. בעת מיר דארפן זיין פארזיכטיק ניט צו איבערטרייבן די מאס איינפלוס, וואס אט־דער סארט דענקען איבט אויס און מיר מוזן שטענדיק באקעמפן די דאזיקע טענדענץ צווישן די מאסן, דארפן מיר אבער אויך אנווייזן אויף די מעכטיקע כחות, וואס באשרענקען די ווירקונג פון אט־דער טענדענץ און ארבעטן אין דער פארקערטער ריכטונג. זיי זיינען, אין דער ערשטער ריי, די שטייגנדיקע פאליטישע טעטיקייט און באוואוסטזיין צווישן די מאסן ; זייער אלץ טיפערער און שנעלער אפשאצונג פון די פאליטישע „אישוס”, גרופירונגען און פערזענלעכקייטן, און די מער אגרעסיווע פירערשאפט, וואס שטייט אויף צווישן זיי, ספּעציעל אין די רייען פון דעם ארבעטער־קלאס.

א קאנקרעטער אויסדרוק פון דער דאזיקער פראבלעם איז די ראל פון

ווייס־פּרעזידענט גאַרנער און זיינע באַציאונגען צו די מאַסן. די טאָרי־דעמאָקראַטן האָבן אָרגאַניזירט זייערע כחות אונטער דעם „גאַרנער פאַר פּרעזידענט" לאָזונג. זיי מאַכן דעם חשבון, אַז גאַרנער, ווי דער אָפיציעלער „צווייטער מאַן" נאָך רוזוועלטן, קאָן פאַראייניקן אַ גרויסן טייל פון דער „ניו דיל" נאָכפאָלגערשאַפט מיט דעם באַוואוסטזיניקן אַנטי־„ניו דיל" לאַגער, ניט דערלאָזן אַז עס זאָל זיך אַרויסרוקן אַן אַנדער אָנגעזעענע פיגור ווי אַ מעגלעכער נאָכפאָלגער נאָך רוזוועלטן און אַזוי אַרום באַהערשן די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי און איר קאָנווענשאָן אָדער דערפירן זי צו אַ שפּאַלטונג און אַ מיש־מאַש. אַז דער חשבון האָט אין זיך ממשות, קאָן מען זען פון די פּראָבע־אָפּשטימונגען פון דעם גאַלופּ־אינסטיטוט און פון דעם זשורנאַל „פּאָרטשון". אויף דער השערה, אַז רוזוועלט וועט נישט זיין קיין קאַנדידאַט אין 1940, ווייזן די דאָזיקע פּראָבע־אָפּשטימונגען, אַז גאַרנער האָט אַ מערהייט, אַפילו אויב אַ קליינע, איבער אַלע אַנדערע קאַנדידאַטן. עס ווערט אָבער ניט אַרויסגעבראַכט דער פאַקט, אַז די גרויסע מערהייט פון די, וואָס קלייבן אויס גאַרנערן, אויב רוזוועלט זאָל ניט לויפן, זיינען אויסדריקלעך פאַר רוזוועלטן, אויב ער זאָל יאָ לויפן. דער גאַרנער־„בום" איז באַזירט הויפּטזאַכלעך אויף גאַרנער'ס הינטער־קוליסן ראָל ווי דער פירער פון די טאָרי־דעמאָקראַטן. דאָס איז אויף אַמאָל זיין שטאַרקייט און זיין פאַטאַלע שוואַכקייט. אין דעם דאָזיקן פּרט האָט די טאָרי־סטראַטעגיע ווידער אַריבערגעשאָסן איר ציל: דער נעטער רעזולטאַט איז — אַ פאַרשטאַרקטע באַוועגונג פאַר אַ דריטן טערמין פאַר רוזוועלטן.

די איניציאַטיווע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג האָט געמאַכט דעם גרעסטן ביטראָג אין דעם זין פון אַריינברענגען קלאָרקייט אין דער דאָזיקער פּראָבלעם. פון דעם מויל פון דזשאָן ל. לואיס, ווען ער איז אויפגעטראָטן אויף אַ קאָנגרעס־פאַרהער, זיינען געקומען די שטאַרקע ווערטער פון פאַרדאַמונג קעגן די געהיימע מאַכינאַציעס פון אָט־דעם „אַרבעטער־העצערישן, בראַנפן־טרינקענדיקן, פּאָוקער־שפּילנדיקן, בייזן אַלטן מאַן". דאָס האָט אָנגעשטעלט דעם פּראָזשעקטאָר פון עפנטלעכער אויפמערקזאַמקייט אויף די טונקעלע פּלעצער, וואו די טאָרי־קאָאַליציע שאַפט אירע פאַרשווערונגען קעגן דעם פאָלק; און פון גאַרנער'ס אייגענעם סטעיט, טעקסאַס, איז געקומען אַ קלינגעוודיקער „אָמן" פון דעם פּרעזידענט פון דער סטעיט־פעדעריישאָן פון דער א. פ. אָוו ל., — וואָס דאָס איז אַ בייסנדיקער קאָמענטאַר אויף וויליאַם גרינ'ס וואַרימער חבר'שאַפט מיט גאַרנערן אין די לעצטע חדשים. די אַרבעטער, דאָס גאַנצע אַמעריקאַנער פאָלק, דאַרף אויסדריקן אַ דאַנק דזשאָן ל. לואיסן פאַר די שטאַרקע ווערטער, וואָס האָבן אויסגעקלונגען אומעטום אין דעם אַמעריקאַנער פּאָליטישן לעבן. דאָס איז געווען דער אָנהויב פון דעם סוף פון דער „גאַרנער פאַר פּרעזידענט" באַוועגונג.

עס איז ווירקלעך באַדייטונגספול, אַז די איניציאַטיווע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און פריער פון אַלץ — פון די לאָקאַלע און סטעיט אָרגאַניזאַציעס פון דער א. פּ. אָוו ל. — האָט געגעבן דער באַוועגונג פאַר אַ דריטן טערמין

פאַר רוזוועלטן איר ערשטן ברייטן און מעכטיקן אויסדרוק. און גראָד אַט־די דריטער־טערמין באַוועגונג האָט אין אַ גרויסער מאָס צעשטערט די טאָרי־סטראַטעגיע פריער פאַר אַלץ אינעווייניק אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, אָבער אויך אין דעם לאַנד בכלל.

די דריטער־טערמין באַוועגונג איז אַ צוטרוי־דערקלערונג צו רוזוועלט׳ס אויפריכטיקייט, צו זיין אידענטיפיצירן זיך מיט די באַדערפענישן און די וואונטשן פון די מאַסן און צו דער אַלגעמיינער ריכטונג פון די „ניו דיל״ פאַליסיס, וואָס זייערע חסרונות זיינען פאַרשאַטנט דורך דער טאָרי־געפאַר. ס׳איז אָבער אַ סך מער ווי דאָס. ס׳איז אַ באַוועגונג פון פאָלק צו באַשיצן און אויסברייטערן זיין אייניקייט קעגן די שונאים פון פאָלק, קעגן די מאָנאָ־פאָל־קאַפּיטאַליסטן, קעגן וואָל־סטריט. די ווירקזאַמע אייניקייט פון דער מערהייט פון פאָלק קעגן זיינע שונאים איז צו־ערשט באַוואוסטזיניק פאַר־ווירקלעכט געוואָרן אין דעם משך פון דער וואַל־קאַמפּאַניע פון 1936. יענע אייניקייט איז געוואָרן דאָס ווערטפולסטע פאַרמעגן פון פאָלק. די אייניקייט איז וויכטיקער ווי רוזוועלט, וויכטיקער ווי דער „נייער דיל״ און זיינע פאַליסיס, ווייל אַלצדינג ווענדט זיך אָן דעם, צי די ווירקזאַמע אייניקייט פון דער מער־הייט פון פאָלק וועט אָנגעהאַלטן ווערן. אויב אַט־די אייניקייט זאָל צעשטערט ווערן, וועט אַמעריקע אַריינפאַלן אין די נעגל פון פאַשיזם.

דער באַוואוסטזיין צווישן די מאַסן וועגן דער אומגעהוירער באַדייטונג פון אייניקייט גיט דאָס דעם מעכטיקן שטופּ צו דער דריטער־טערמין באַ־וועגונג. אַט־די אייניקייט איז אויפגעבויט געוואָרן צו שטיצן רוזוועלטן, צו שטיצן די פאַליסיס, וועלכע ווערן סימבאַליזירט דורך דעם פּרעזידענט׳ס נאָמען, און די דערגרייכטע אייניקייט האָט געבראַכט געווינסן פאַר דעם פאָלק, נישט געקוקט אויף דער קנאַפּקייט פון דער פּראָגראַם. די מאַסן ווילן אינסטינקטיוו אויסמיידן דעם פּראָצעס פון אויסקלייבן אַ צווייטן אויף דעם פּרעזידענט׳ס אָרט, ווי גוט און ווי גרויס אין צאָל אַנדערע קאַנדידאַטן זאָלן ניט זיין, ווייל זיי זעען אין אַן אַנדער פּרעזידענט־קאַנדידאַט צופיל מעגלעכ־קייטן פאַר זייערע אָפענע און באַהאַלטענע שונאים צו שאַפן שפּאַלטונג און צעטומלונג. דער גרונט־געדאַנק אין דעם באַוואוסטזיין פון די מאַסן איז אויסגעדריקט אין דעם אַלטן אַמעריקאַנער שפּריכוואָרט: „בייט ניט קיין פערד אין מיטן שטראָם.״

די דריטער־טערמין באַוועגונג איז דער קאַמף פון פאָלק פאַר אייניקייט; זי דריקט אויס און פירט פאָראויס אויך דעם קאַמף פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער־באַוועגונג פאַר אייניקייט; און עס איז דער קאַמף ניט צו דער־לאָזן די טאָרי־דעמאָקראַטן צו קאָנטראָלירן די דעמאָקראַטישע קאָנווענשאָן און נאָמינירן זאַרנער פאַר פּרעזידענט־קאַנדידאַט. ס׳איז דער קאַמף צו באַזיגן די אַלטע טאָרי־געים פון קאָנטראָלירן די קאַנדידאַטן פון ביידע פאַר־טייען און דורך דעם שטעלן דאָס לאַנד פאַר אַן אויסוואַל צווישן קוקוריקו און קוקע־רעקו, אָדער ווי פּרעזידענט רוזוועלט האָט דאָס אויסגעדריקט אין

דעם אמעריקאנישן אידיאַם — אַן אויסוואַל צווישן „טווידלדאַם און טווידל־דאַמער".

די גרויסע קראַפט און אימפּעט פון דער דריטער־טערמין באַוועגונג האָט פאַרבעסערט די שאַנסן פאַר אַ זיג פון פאָלק. די דעמאָקראַטישע מאַסן־באַוועגונג פון פאָלק איז איצט אין אַ לאַגע צו האָבן אַן אַנטשיידנדיקע ווירקונג אויף דער דעמאָקראַטישער קאַנווענשאַן און פון דאָרטן צו גיין אַן אָפּשטעל צו אַ זיג אין די נאָוועמבער־וואַלן.

די ברעכערישע טאָרי־קאַמאַנדע אין קאָנגרעס האָט פאַרשאַפט דעם פאָלק אַ סך אומנויטיקע ליידן, זי האָט אָבער נישט געהאַט קיין דערפאָלג אין איר סטראַטעגישן צוועק צו צעשמעטערן די אייניקייט פון פאָלק אָדער אָפּשוואַכן זיין קעמפּערישן גייסט. מיט אַ פולער אַנטוויקלונג פון דעם קעמפּערישן גייסט און דער פּאָליטיק, וואָס איז אויסגעדריקט געוואָרן אין דעם פּרעזי־דענט'ס בריוו צו דער קאַנווענשאַן פון די יונגע דעמאָקראַטן; מיט דער פולער צונויפזאַמלונג פון אַלע כחות פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס שליסן זיך אָן אין דער פאָדערונג פאַר אַ דריטן טערמין; מיט דער פאַר־זעצונג פון דעם מיטן־וועגיקן קורס פון דעם „נייעם דיל", וואָס שטעלט טאַקע ניט צופרידן פולשטענדיק קיין איין גרופּע, נאָר, וואָס דערלויבט צו שליכטן די קלענערע קאָנפליקטן אין דעם לאַגער פון פאָלקס־אייניקייט קעגן שונא, — מיט אַט־די אַלע באַדינגונגען איז דער זיג פון פאָלק מעגלעך און זיכער. דער קאַמף פאַר דעמאָקראַטיע און פרייהייט ווערט פאַרוואַנדלט קאָנקרעט אין אַ קאַמף אויף צו רעאַליזירן אַט־די פאַר־באַדינגונגען פאַר אַ זיג.

ווי אַזוי די טאָרי־קאָאַליציע וועט קעמפן

די טאָרי־קאָאַליציע איז געוואָרן גאַנץ באַשטימט די פּאַרטיי פון אומ־אָרדענונג, פון פּאָליטישן און עקאָנאָמישן צוזאַמענברוך און צעטומלעניש און פון נאַציאָנאַלן דעפּיטיזם. די טאָרים וועלן אַנטוויקלען אַט־די ליניע אַזוי ווייט און אַזוי שנעל אין דער ריכטונג פון בירגער־קריג, ווי זיי געפינען דאָס פאַר מעגלעך. דאָס איז דער פונדאַמענטאַלער פאַקט, וואָס דאַרף אריינגענומען ווערן אין חשבון ביים אָפּשאַצן דעם כאַראַקטער פון די קאַמפּן, וואָס וועלן דערגרייכן צום קלימאַקס אין די וואַלן פון 1940.

בלויז דורך מאַניפּולירן דעם קאָנטראָל איבער דער פּאַרטיי־מאַשין, אַזוי אַז דאָס לאַנד זאָל האָבן פאַר זיך די דילעמע פון אַן אויסוואַל צווישן „טווידל־דאַם און טווידלדאַמער", האָט די טאָרי־קאָאַליציע וועלכע ס'איז ערנסטע האָפענונג צו פאַרכאַפּן די רעגירונגס־מאַכט. אַזוי ווי די דאָזיקע האָפענונג ווערט צעשטערט דורך דעם שטייגנדיקן שטראָם פון דער דריטער־טערמין באַוועגונג, וועלן מיר זען אַלץ מער און מער פאַרצווייפלטע מיטלען, וואָס די טאָרים וועלן אָנווענדן.

ניט בלויז די כחות פון דעם דעמאָקראַטישן פראָנט האָבן פאַר זיך ערנסטע שוועריקייטן, וואָס זיי מוזן בייקומען אויף דעם וועג צו אייניקייט.

דאס איז אויך א פראבלעם פאר דעם טארי־לאגער, כאטש אין אן אנדער פארם. אין דעם דעמאקראטישן לאגער זיינען די שטערונגען הויפטזאכלעך צווישן דער פירערשאפט, בעת דער דראנג צו אייניקייט קומט פון אונטן, פון די מאסן. אין דעם טארי־לאגער איז דאס פארקערט: עס הערשט א גרויסע מאס אייניקייט און קאארדינירטע אקציע אין דער הויכער קאמאנדע, וואס איז קאנצענטרירט אין די הענט פון די גרויסע קאפיטאליסטן, וועלכע האבן געשאפן די „ליבערטי ליג״ אין 1935; אבער צווישן זייער מאסן־נאכפאלגערשאפט הערשן טיפע צעטיילונגען, וואס קאנען קוים באזייטיקט ווערן און וואס טרייבן די טארי־פירערשאפט צו אלערליי פרינציפנלאזע מאנעווערס און קאמבינאציעס. מיר האבן פריער אנגעוויזן אויף די וויכטיקסטע פון זיי, נאר עס וועט זיך לוינען צו אונטערזוכן נאך עטלעכע פון זייערע מאנעווערס.

איינער פון די סאמע דרייסטע פלענער פאר טארי־אייניקייט, געשטיצט פון הואווערן און האמילטאנען, איז געווען אויפצוגעבן אינגאנצן דעם נאמען „רעפובליקאנער פארטיי״, כדי צו פארוואנדלען די אומאפיציעלע קאאליציע אין א פאראייניקטער פארטיי־ארגאניזאציע אונטער א נייעם נאמען, וואס זאל זיין מער אננעמבאר פאר דער סאוט. דער דאזיקער פלאן איז איצט אינגאנצן פארווארפן געווארן ווי א האפענונגסלאזער טרוים. דער „נייער דיל״ האט אזויפיל אויפגעטאן פאר דער סאוט, אז די טארים פון דער סאוט, ווי ביטער זיי זאלן נישט האסן רוזוועלטן און פאגראמירן זיין פראגראם, וועלן ניט וואגן זיך אנצושליסן אין א פארטיי, אפילו אונטער אן אנדער נאמען, און זיך פאראייניקן מיט דעם טראדיציאנעלן שונא פון דער סאוט, מיט דער רעפובליקאנער פארטיי; זיי ווייסן, אז דורך אזא שריט וואלטן זיי געשטעלט אין געפאר זייער אייגענעם איינפלוס אפילו אויף די אפגעשטאנענסטע טיילן פון דער באפעלקערונג, שוין אפגערעדט פון די באוואוסטזיניק־פראגרעסיווע עלעמענטן. א רעפובליקאנער קאנדידאט האט ניט דעם מינדסטן שאנס צו געווינען די סטעיטס פון דער סאוט. די גאנצע מאכט פון די סטעיט־מאשינעס פון די טארי־דעמאקראטן קאן אזא זאך נישט באוויזן.

מען דארף אבער נישט דערווארטן, אז דער סטראשונעק פון די טארים צו צעשפאלטן די דעמאקראטישע פארטיי וועט דעריבער אויפגעגעבן ווערן. די פארטיי איז שוין געווען האפענונגסלאז צעשפאלטן, ווען די טארי־גענג האט דורכגעפירט איר ברעכערישע פראגראם אין קאנגרעס ביז צום ביטערן סוף. האבנדיק איצט ווייניקער שאנסן, ווי ווען עס איז, צו קאנטראלירן די דעמאקראטישע קאנווענשאן, מוזן די טארים טרייבן אין דער ריכטונג פון א שפאלטונג, וואס זאל זיין אזוי שענדלעך ווי מעגלעך. נאכדעם ווי זיי זיינען איינגעגאנגען אויף א מפלה פאר זייער אייגענער פארטיי, מוזן זיי איצט אום יעדן פרייז גיין צום לאגישן שלוס, צו א שפאלטונג. זיי האבן א סך מאכט אין מערסטע סטעיטס פון דער סאוט. די מאסן־נאכפאלגערשאפט פון דעם „נייעם דיל״ איז אין א גרויסער מאס ניט־ארגאניזירט, און די גרויסע מערהייט פון די ארעמע בירגער, ווייסע און נעגערן, איז בארויבט פון שטים־רעכט. די טארים אין דער סאוט האבן אין זייערע הענט די וויכטיקסטע מאכט־פאזיציעס.

זיי וועלן אפשר פּרוּוון שאַפן אַ נייע טאָרי־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, מיט גאַרנערן ווי זייער קאַנדידאַט, נישט האָבנדיק דערביי קיין אילוזיעס וועגן אַ נאַציאָנאַלן זיג, נאָר בלויז מיט דעם רעכענונג אַוועקצורייסן די סאָוט פון דעם „נייעם דיל" און פון רוזוועלטן. אַזוי ווי עס איז אוממעגלעך, לויט זייער רעכענונג, אַריבערצושלעפּן די סאָוט צו די רעפּובליקאַנער, וועלן זיי אפשר ספּעקולירן אויף דער מעגלעכקייט אָפּצורייסן גענוג סטעיטס פון דער סאָוט אויף צו מאַכן אוממעגלעך אַ זיג פאַר רוזוועלטן (אָנגענומען, אַז די רעפּובליקאַנער קאָנען פאַרצייכענען גענוג געווינסן אין דער נאָרט). דורך אַזאַ מאַנעוורע האָפן זיי, אַז דער אויסוואַל פון פּרעזידענט וועט אַריבער אין די הענט פון קאָנגרעס, וואו די טאָרי־קאָאַליציע האָט אַ מעגלעכע מערהייט און מער פרייהייט פאַר אַלערליי מאַניפּולאַציעס.

עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער גאַנצער סטראַטעגישער פאַרהעלטעניש פון כחות, אַז דער גאַנצער טאָרי־לאַגער, סיי דעמאָקראַטן און סיי רעפּובליקאַנער, בויט די שאַנסן פון זיין דערפאָלג אויף דער מעגלעכקייט צו באַהאַלטן זיינע אמת'ע צילן, אויף דער מעגלעכקייט צו צעטומלען און צעטיילן די מאַסן, זיי אויפרייצן צום קאַמף איבער אומוויכטיקע אָדער פאַלשע „אישוס" און אויף אומבאַגרענעצטער דעמאַגאָגיע מיט דעם צוועק צו פאַרטושן די אמת'ע באַדערפעניש און שטרעבונגען פון פאָלק. פאַרקערט, פאַר דעם „נייעם דיל" און דעם פּראָגרעסיוון לאַגער איז די האָפענונג פאַר אַ זיג באַזירט איינגאַנצן אויף קלאָר־מאַכן פאַר די מאַסן די אמת'ע „אישוס" און צילן פון ביידע זייטן, אויף פאַראייניקן די מאַסן און קאָנצענטרירן זייער אויפמערקזאַמקייט אויף די וויכטיקסטע אישוס, אויף די פראַגן, וואָס זייער לייזונג קאָן פירן צו דער לייזונג פון אַלע אַנדערע פראַגן.

אַרבעטער־אייניקייט — דער שליסל צו 1940

מיר מוזן נאָכאַמאָל באַטאָנען, אַז די אייניקייט פון אַרבעטער־קלאַס און באַזונדער פון זיין אָרגאַניזירטן טייל איז די נויטיקע פאָר־באַדינגונג פאַר דעם זיג פון פאָלק אין 1940. אַזאַ אייניקייט איז נויטיק פאַר דער אייניקייט פון דער פּראָגרעסיווער מערהייט פון פאָלק און פאַר דער באַשיצונג פון דעמאָקראַטיע גופא.

מיר מוזן אויסמיידן יעדע ריין־פאָרמעלע און וואולגאַרע אָפּשאַצונג פון אָט־דער פּראָבלעם פון אַרבעטער־אייניקייט. מען קאָן, צום ביישפּיל, באַגיין דעם שווערסטן טעות דורך אָנווייזן בלויז אויף דער צעטיילונג, וואָס האַלט נאָך אַלץ אָן צווישן דער א. פ. אָוו ל. און סי. אַי. אָ., אויף דער טענדענץ פון וויליאַם גרין און קאָ. זיך צו פאַרבינדן מיט דעם טאָרי־לאַגער, און פון דער סי. אַי. אָ. פירערשאַפט — זיך צו שטעלן אויף דער זייט פון דעם „נייעם דיל"; אויף דעם מאַנגל פון באַלדיקע אויסזיכטן פאַר אָרגאַניזאַציאָנעלער אייניקייט, — און פון אָט־די אומבאַשטרייטבאַרע פאַקטן צו ציען דעם שלוס, אַז די אַרבעטער־באַוועגונג שליסט זיך אַליין אויס ווי אַ פּאָליטישע

מאכט פאר 1940. מען קאן, לויט דער זעלביקער פאלשער אבער פארמעלער לאגיק, באמערקן, אז צוריק מיט עטלעכע חדשים זיינען אנגעגאנגען פארהאנדלונגען וועגן אייניקייט אין דער ארבעטער־באוועגונג, אז די פארהאנדלונגען זיינען אפגעבראכן געווארן און אז ס'איז דערפון געדרונגען, אז די באוועגונג פאר אייניקייט האט געקראגן א גרויסן ריקשטויס.

אזא בילד וואלט געווען פולשטענדיק פאלש און פארפירעריש. זינט 1936 האבן די ארגאניזירטע ארבעטער כמעט ווי פארטאפלט, אויב ניט מער ווי פארטאפלט, זייער מיטגלידערשאפט. די דאזיקע מיטגלידערשאפט איז א סך מער אויף דער וואך און אקטיוו אין דעם פאליטישן לעבן, ווי ווען עס איז פריער. עס גילט א ברייטערע און טיפערע געמיינשאפטלעכע פאליטישע פארשטענדניש און אריכטונג פון טעטיקייט, ווי ווען עס איז פריער אין דעם ארבעטער־קלאס, און דאס נעמט אריין די מערהייט מיטגלידער סיי פון דער א. פ. או ל. און סיי פון סי. אי. א. די ארבעטער־באוועגונג שפילט און וועט שפילן אין 1940 א וויכטיקערע און מער אנטשיידנדיקע ראל, ווי אין 1936. דאס אלץ מוז פולשטענדיק באנומען ווערן, נישט כדי צו מינימיזירן די וויכטיקייט פון א פולשטענדיקער פאראייניקונג פון דער ארבעטער־באוועגונג אין איין ארגאניזאציע, נאר כדי צו באטאנען דעם פאקט, אז עס איז פאראן א גרונט פאר א דערפאלגרייכן קאמף פאר אט־דעם ציל און אז אפילו נישט דערגרייכנדיק צו דעם ענד־ציל איז מעגלעך צו דערגרייכן די אייניקייט פון אקציע, וואס איז נויטיק פאר דעם זיג אין די נאציאנאלע וואלן.

ווייטער. די באוועגונג פאר אייניקייט גייט פאראויס און ניט צוריק. דער דערפאלגרייכער ריק־שטויס, וואס וויליאם גרין האט געקראגן פון דעם סי. אי. א. אין זיינע איבערפאלן און ברעכערישע קאמפאניעס אין דער מאינינג־אינדוסטריע, אין דעם אויטאמאביל, טעקסטיל און א צענדליק אנדערע געביטן, איז געווען א גאר וויכטיקער זיג אין דער ריכטונג פון אייניקייט.

וויכטיקער פון אלץ איז אבער דער שוואונג פון דער באוועגונג צו „דריטן" רוזוועלטן פאר א דריטן טערמין, וואס האט ארומגעכאפט און פאראייניקט אלע טיילן פון דעם ארבעטער־קלאס. נישט געקוקט אויף די פארצווייפלטע פארזוכן פון גרין און קא. אפצושטעלן די דאזיקע באוועגונג, וועלכע שניידט איבער די צעטיילונגס־ליניעס און גרופירונגען אין דער ארבעטער־באוועגונג און שטימט דעריבער נישט מיט די צוועקן פון די רעאקציאנערן, זיינען די אונטערשטע ארגאניזאציעס פון דער א. פ. או ל. געווען און געבליבן אין די סאמע פאדערשטע רייען פון דער דריטער־טערמין באוועגונג און זיי דריקן זיכער אויס די שטימונגען און איבערצייגונגען פון דער גרויסער מערהייט א. פ. או ל. מיטגלידער. אייניקייט אין אקציע, אייניקייט אין ציל בנוגע די וויכטיקסטע און קריטישסטע פראגן פון דעם נאציאנאלן לעבן ווערט דערגרייכט נישט געקוקט אויף די שטערונגען און קעגן די וואונטשן פון די רעאקציאנערע פירער פון דער א. פ. או ל.

אזוי ארום ווערט עס באוויזן אין לעבן, אז ס'איז פאראן א גאנץ בא־

שטימטע גרענעץ צו דער צעשטערנדיקער מאכט פון וויליאם גרין און זיינע רעאַקציאָנערע קאָלעגן אין דעם עקזעקוטיוו קאונסיל פון דער א. פ. אָוו ל. גרין און קאָ. קאָנען נאָך אַלץ פאַרבלאָקירן אַ פאַרשמעלצונג פון די א. פ. אָוו ל. און סי. אַי. אָ. יוניאָנס אין איין אָרגאַניזאַציע. זיי קענען אָבער ניט אָפּהאַלטן די מיטגלידער פון די צוויי אָרגאַניזאַציעס צו טראַכטן אין דער זעלביקער ריכטונג, צו שטיצן די זעלביקע פּאָליסים און קאַנדידאַטן און צו זיין טעטיק אין דעם זעלביקן אַלגעמיינעם פּאָליטישן לאַגער. גרין האָט גע־קאָנט סאַבאָטאַזשירן און דורכוואַרפן אַזוינע פּראָגרעסיווע קאַנדידאַטן ווי מוירפי, מאַווועריק, אָ'קאָנעל, בערנאַרד און אַנדערע אין די וואַלן פון 1938, אָבער דורך דעם האָט ער בלויז דערהויבן צו אַ מאַכט אַ ריי שונאים פון דער א. פ. אָוו ל. גופא און האָט געבראַכט שאָדן דער גאַנצער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס דאָס האָט געעפנט די אויגן פון זיין אייגענער מיטגלידער־שאַפט בנוגע דער העכסטער וויכטיקייט פון אייניקייט.

און וואָס איז שייך 1940, איז עס שוין געוואָרן קלאָר, אַז גרין און קאָ. וועלן ברעכן האַלדז און נאַקן, אויב זיי וועלן פּרואוון אַריינפירן די מיט־גלידערשאַפט פון דער א. פ. אָוו ל. אין דעם טאָרי־לאַגער. די מיטגלידערשאַפט און די אונטערשטע פירערשאַפט פון דער א. פ. אָוו ל. זיינען אויף דער וואַך, און מיר קאָנען דערוואַרטן, אַז מיט דער הילף פון דעם גאַנצן פּראָ־גרעסיוון לאַגער וועלן זיי פאַרניכטן יעדע פירערשאַפט, וואָס וועט פּרואוון זיי צו פאַרקירעווען קעגן דעם „נייעם דיל" אין 1940. די מאַסע פון די א. פ. אָוו ל. מיטגלידער איז גרייט זיך אָנצושליסן אָן דעם לאַגער פון „נייעם דיל" פאַר די וואַלן פון 1940 נאָך מער ווי אין 1936.

דאָס שאַפט די נויטיקע באַדינגונגען פאַר צעמענטירן די ברייטסטע אייניקייט פון דעם פאָלק קעגן דער טאָרי־קאָאַליציע. דאָס שאַפט די גינסטיקסטע באַדינגונגען פאַר דעם גאַנצן קאַמף פאַר אַרבעטער־אייניקייט, וואָס מוז זיך סוף כל סוף ענדיקן מיט אַ פאַראייניקטן אַלץ־אַרומנעמענדיקן אַרבעטער־קאָנגרעס. די אַרבעטער־אייניקייט אין די וואַלן פון 1940 ווערט שוין צוגעגרייט אויף אַ ברייטן און טיפן פונדאַמענט; דער קאַמף צו דערפירן די דאָזיקע באַוועגונג צו אַ זיג וועט צו דער זעלביקער צייט שאַפן בעסערע באַדינגונגען פאַר אַ פולשטענדיקער און אַלגעמיינער פאַראייניקונג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. די אויפגאַבע היינט־צו־טאָג איז צו געבן אַלץ אַ בריי־טערן, מער באַשטימטן, מער אָרגאַניזירטן און מער ענערגישן אויסדרוק צו דער דאָזיקער פאָדערונג און דער באַוועגונג פאַר דער פּאָליטישער אייניקייט פון די אַרבעטער אין 1940.

פאַרוואָס די פאַרמער זיינען באַזונדער וויכטיק אין 1940

די איבערגרופּירונג פון קלאַסן־כחות, וואָס קומט פאָר אין אַמעריקע, איז אין אַלגעמיין גענומען גינסטיק פאַר דער אויפגאַבע פון שאַפן אַ דעמאָ־קראַטישן פראָנט קעגן מאָנאָפּאָל־קאַפּיטאַל. ס'איז, צום ביישפּיל, אַ קנאַפּער

פאַרלוסט, ווען די בורזשואַזיע שטעלט זיך כמעט איינשטימיק קעגן דעם „נייעם דיל" און פירט איר צעיושעטע אַנטי־רוזוועלט קאַמפּאַניע. דער פאַקט איז, אַז די גרינדונג פון דער „ליבערטי ליג" אין 1935 איז געווען איינער פון די הויפּט־מאָמענטן, וואָס האָט געהאָלפן צו־שטאַנד ברענגען דעם אומ־געהויערן זיג פון דעם „נייעם דיל" אין 1936. רוזוועלט האָט אַרויסגעוויזן אַ געזונטן פּאָליטישן אינסטינקט, ווען ער האָט אין דער קאַמפּאַניע פון 1936 זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם האַס, וואָס די „עקאָנאָמישע ראָיאַליסטן" האָבן צו אים אַרויסגעוויזן, און האָט באַגריסט דעם דאָזיקן האַס.

די הויפּט־שטראָמען פון דעם אַרבעטער־קלאַס, מיט קנאַפּע אויסנאַמען דאָ און דאָרט, זיינען אויך מער אַנטשיידן אין זייער באַוואוסטזיניקער און פּרינציפּיעלער קעגנערשאַפט צו די טאָרים און אין זייער שטיצע פאַר דעם „נייעם דיל". צווישן די מיטל־קלאַסן פון די גרויסע שטעט גייען די הויפּט־שטראָמען אויך אין דער ריכטונג פון שטאַרקן דעם דעמאָקראַטישן פראָנט. אָבער אין די דאָרפישע געגנטן, צווישן די פאַרמער, און אין די קליינע שטעט און שטעטלעך, וואָס זיינען באַהערשט פון אַגראַרישע פּראָבלעמען און אַן אַגראַרישער פּסיכאָלאָגיע, איז אין אַ צאָל פון די וויכטיקסטע סטעיטס די לאַגע אַ צווייפלהאַפטע, אַ וואַקלדיקע, און ביז אַ געוויסן גראַד מערקט זיך דאָרט אַ טענדענץ פון אונטערגעבן זיך דער ווירקונג פון רעאַקציאָנערער דעמאַגאָגיע, וואָס דאָס איז אַ באַשטימטע געפאַר פאַר דעם זיג פון פאָלק אין 1940. אָט דערפאַר פאָדערט די פּראָבלעם פון די פאַרמער אין דעם איצטיקן מאָמענט די ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט פון דעם גאַנצן דעמאָ־קראַטישן לאַגער און דעריבער — אויך און אודאי פון די קאָמוניסטן.

מיר טאָרן בשום אופן נישט איינגיין דערויף, אַז אַ באַדייטנדיקער טייל פון דער פאַרמערישער באַפעלקערונג זאָל אַריבערגעצויגן ווערן פון דער דעמאָקראַטישער אויף דער טאָרי־זייט. די קלאַסן־אינטערעסן פון דער מער־הייט פאַרמער, ספּעציעל פון דער פאַראָרעמטער העלפט (די וואָס זיינען באַ־לעסטיקט מיט שווערע מאָרטגעדזשעס, די טענאַנט־פאַרמערס און די שער־קראַפּערס) דאַרפן דיקטירן די פאַרמער צו פאַרבינדן זיך פעסט מיט דעם דעמאָקראַטישן לאַגער; בעת די אויבערשטע מיטל־שיכטן, וואָס האָבן געוויסע אינטערעסן אויף ביידע זייטן פון דער פּאָליטישער הויפּט־גרופּירונג, וואָלטן געקאָנט אָן צו־גרויסע שוועריקייטן נייטראַליזירט ווערן. בלויז די קאַפּיטאַ־ליסטישע און רייכע פאַרמערס זיינען לויט זייערע קלאַסן־אינטערעסן און זייער סאָציאַל־עקאָנאָמישער ראָל אין פאָראויס באַשטימט צו פאַרבינדן זיך מיט דער טאָרי־זייט; אָבער זייער צאָל איז קליין אין פאַרגלייך מיט דער גאַנצער פאַרמערישער באַפעלקערונג, און אויב דער טאָרי־לאַגער מאַכט פאָר־שריט צווישן די פאַרמערס, ווי דאָס זעט אויס צו זיין אַ פאַקט, איז עפּעס באַשטימט דער מער מיט דעם אופן, ווי זייערע פּראָבלעמען ווערן באַהאַנדלט און מיט די פאַרם־פּאָליסיס, וואָס ווערן אָנגעווענדט.

אויף אונזער צוזאַמענקונפט לעצטן מאַי האָבן מיר שוין אָנגעגעבן אַ פונדאַמענטאַלע קריטיק פון די אַגריקולטורעלע פּאָליסיס פון דעם „נייעם דיל".

דער „נייער דיל" האָט געגעבן דער אַמעריקאַנער לאַנדווירטשאַפט אַ סך מער פאַרשיידנאַרטיקע הילף, ווי די רעפּובליקאַנער פּאַרטיי האָט ווען עס איז געגעבן אָדער צוגעזאָגט. די רוזוועלט־אַדמיניסטראַציע איז אָבער בלויז אויף אַ טיילווייזן און עקספּערימענטאַלן אופן אַוועקגעגאַנגען פון די פּרינציפּן פון דעם קולידזש־הוּווער פאַרם־רעליף. אין דעם הויפּט־געביט פון פאַרם־רעליף האָט דער „נייער דיל" בלויז אָנגעווענדט די זעלביקע פּרינציפּן אויף אַ סך אַ גרעסערן און מער אָרגאַניזירטן מאַסשטאַב. און דער פאַטאַלער פעלער פון די אַלע פאַרזוכן צו העלפן דער לאַנדווירטשאַפט זיך אַרויסצוראַטעווען פון איר כראָנישן קריזיס (אַ קריזיס, וואָס איז געקומען נאָך פאַר דעם עקאָנאָמישן קראַך פון 1929), באַשטייט אין דעם, וואָס די הויפּט־הילף איז געגעבן געוואָרן און ווערט געגעבן צו יענע טיילן פון דער באַפעלקערונג, וואָס נויטיקן זיך צום ווייניקסטן אין הילף; און בלויז די שיריים קומען אָן צו די, וואָס דאַרפן האָבן די גרעסטע מאָס הילף. אין דער פּאָליטיק פון דער אַדמיניסטראַציע ווערט די לאַנדווירטשאַפט באַטראַכט און באַהאַנדלט ווי איין גאַנצער געביט. עס איז נישט אַריינגענומען געוואָרן אין חשבון די סאָציאַל־עקאָנאָמישע שיכטונג פון דער פאַרמער־באַפעלקערונג, און די איינציקע דיפערענצירונגען, וואָס זיינען אָנערקענט, זיינען פון אַ טעכנישן כאַראַקטער און באַציען זיך אויף אַן אונטערשייד אין דעם מין תבואה און אויף געאָגראַפישע געביטן. דער אומפאַרמיידלעכער רעזולטאַט דערפון איז, אַז דער אַזוי־גערופענער „נאַטירלעכער" פּראָצעס פון קאַפּיטאַליסטישער לאַנדווירטשאַפט — דער פּראָצעס פון אַרויסשטויסן די קליינע פאַרמערס און פאַרשטאַרקן די מאַכט פון די גרויסע — איז פאַרשנעלערט געוואָרן.

אין די לעצטע הדשים האָב איך געמאַכט געוויסע אָנפראַגן און אויספאָרשונגען אין אַ צאָל פאַרם־געמיינדעס אין עטלעכע סטעיטס, כדי אויסצוגעפינען, ווי אַזוי אָט־דער פּראָצעס אַרבעט אין דער ווירקלעכקייט. כמעט אומעטום איז דאָס בילד געווען דאָס זעלבע: די פאַרוואַלטונג מיט די פעדעראַלע פאַרם־אַגענטורן און פּאָליסים איז איבערגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון די רייכערע פאַרמערס, וועלכע זיינען אין מערסטע פאַלן די נאַטירלעכע שונאים פון די דאָזיקע פּאָליסים. אָט־די פאַרמעגלעכע פאַרמער זיינען מענטשן, וואָס פאַרנעמען שוין אַ גינסטיקע פּאָזיציע אין דער לאַנדווירטשאַפט, און זייער נייע פּאָזיציע אַלס אַדמיניסטראַטאָרס פאַר דער פעדעראַלער רעגירונג נוצן זיי אויס, כדי צו פאַרשטאַרקן זייערע פריערדיקע גינסטיקע פּאָזיציעס. עס איז אין דער טבע פון לאַנדווירטשאַפט, אַז דער פּערזענלעכער אורטייל און איינזעעניש פון איינצלנע מענטשן אין דער אַדמיניסטראַציע מיט לאַנדווירטשאַפטלעכע ענינים שפּילט אַ גרויסע ראָל; און אָט־די פאַרמעגלעכע פאַרמער מיט דער פולמאַכט פון פעדעראַלע אַדמיניסטראַטאָרס הויבן אָן קריגן די כאַראַקטער־שטריכן פון האַלב־פעאָדאַלע פּריצים. אין זייערע געמיינדעס מערקט זיך אַ טענדענץ צו זיין מער און מער אָפּהענגיק אָן דער פּערזענלעכער גינסטיקער שטעלונג פון דעם אַדמיניסטראַטאָר. ניט בלויז זייער עקאָנאָמישע פּאָזיציע, נאָר אויך און הויפּטזאַכלעך זייער פּאָ־

ליטישע פאזיציע ווערט שנעל געשטארקט.

די טארי־אגיטאטארס מאכן א גוואלד, אז דער „נייער דיל" בויט אויף אן אייגענע פאליטישע מאשין דורך די פעדעראלע רעליף־פאליסיס. אין דער אמת'ן איז עס אבער פונקט פארקערט: דער „נייער דיל" האט אויפגעבויט א „פראנקענשטיין", א געפערלעכן גולם, אין די פארמערישע געגנטן. כמעט אומעטום איז די אנווענדונג פון די פאליסיס פון דעם „נייעם דיל" פארטרויט געווארן צו טאריס, און גראד אט־דער אדמיניסטראטיווער אפאראט איז גע־ווארן א ווירקזאמער אינסטרומענט אויף אוועקצורייסן די פארם־געגנטן פון דעם „נייעם דיל".

די ארגאנישע פעלערן פון דער פארם־פאליטיק, וואס האט פארפעלט צו קאנאליזירן די פעדעראלע הילף דירעקט צו דער נויטבאדערפטיקער פארם־באפעלקערונג, ווערן נאך מער אונטערשטראכן דורך לאקאלע אדמיניסטרא־ציעס, וואס זיינען פיינטלעך צו די דאזיקע פאליסים און צו דער נאציאנאלער „ניו דיל" אדמיניסטראציע.

עס איז א כבוד פאר דער טיפקייט און דער קראפט פון די דעמא־קראטישע און פראגרעסיווע שטימונגען צווישן די פארמערס, וואס דער טארי־לאגער האט נאך נישט באוויזן איבערצוגעווינען אויף זיין זייט אן אנט־שיידנדיקע מערהייט פארמערס, — נישט געקוקט אויף די אלע אדמיניסטראטיווע פארקריפלונגען (וואס אפטמאל דערגייען זיי צו פשוט'ן סאבאטאזש) און נישט געקוקט אויף די ארגאנישע חסרונות פון דער גאנצער פארם־פאליטיק. און כמעט אומעטום איז עס באשטימט מעגלעך צו ראטעווען די סיטואציע דורך אויפקלערונג און דורך אנטשיידענער אקציע. מיר גיבן איבער אט־די באאבאכטונגען צו יענע קרייזן, וואס זיינען אין א בעסערער לאגע פון אונז צו באאיינפלוסן דירעקט די פארמערישע פראבלעמען.

אן ערנסטע שוואכקייט אין דעם דעמאקראטישן לאגער איז דער מאנגל פון פארבינדונג און ארגאניזירטער קאאפעראציע צווישן די פארמער און דער טרעיד־יוניאן באוועגונג. שוין צוליב דעם אליין, וואס זיי האבן ניט קיין גענויע באקאנטשאפט מיט די קעגנזייטיקע פראבלעמען, קאנען סיי ארבעטער און סיי פארמער פארפירט ווערן דורך די ארגאניזירטע פראוואקאציעס פון די טארי־אגיטאטארס, וועלכע זיינען שטארק טעטיק אויף דעם געביט פון אויפרייצן פארמער און ארבעטער איינע קעגן די אנדערע. אט־דער מאנגל פון ענגע און סימפאטישע פארבינדונגען צווישן די צוויי הויפט־שיכטן פון דער ארבעטנדיקער באפעלקערונג איז איינע פון די שטארקסטע קארטן פון דער טארי־רעאקציע, אויף וועלכער זיי בויען אין א היפשער מאס זייערע האפענונגען אויף א זיג.

די טרעיד־יוניאן באוועגונג דארף נעמען די איניציאטיווע אויף צו פאר־ריכטן אט־דעם פעלער. דארט, וואו עס זיינען געמאכט געווארן ערנסטע פארזוכן אין דער דאזיקער ריכטונג, זיינען דערגרייכט געווארן גוטע רעזול־טאטן אין א קורצער צייט. דאס האט מען געזען אין קאליפארניע און אין א קלענערער מאס אין וואשינגטאן און אילינאי. די הילף פון דעם סי. אי. א.

אין דעם בטרייק פון די ניו יאָרקער מילך־פאַרמער איז אַן אָנגעזעענער בייַ־שפּיל. אין מינעסאָטאַ, וואו דער אָרגאַניזאַציאָנעלער בונד צווישן פאַרמער און אַרבעטער וואָלט באַדאַרפט געוועז אַנטוויקלט ווערן בעסער ווי אומעטום, — צוליב דער לאַנג־יאָריקער פאַרמער־לעיבאָר פאַרטיי, — איז עס צום באַדויערן אַ פאַקט, אַז די ראָל פון די טראָצקיסטן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג (די טימסטערס יוניאָן פון דער א. פ. אָוו ל.) האָט געשאַפן אַ טיפן אומצוטרוי צווישן די פאַרמער און מיטלקלאַסן, — אַן אומצוטרוי, וואָס איז אויסגע־שפּרייט געוואָרן אויף דער גאַנצער אַרבעטער־באַוועגונג, ווייל ניט די פאַרמער־לעיבאָר פאַרטיי און ניט די א. פ. אָוו ל. האָבן זיך נישט אָפּגעגרענעצט שאַרף פון די סקאַנדאַליעזע האַנדלונגען פון דער טראָצקיסטישער גענג. אומעטום, וואו אַזוינע עלעמענטן דאָמינירן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, ווערן די אַר־בעטער צעקריגט מיט זייערע נאַטירלעכע פאַרבינדעטע, ספּעציעל מיט די פאַרמער.

די אַרבעטער־באַוועגונג מוז גיין צו די פאַרמער און זיי געווינען פאַר אַן ענגן בונד קעגן מאָנאָפּאָל־קאַפּיטאַל, קעגן דער טאָרי־קאָאַליציע און פאַר אַ מער אויסגעהאַלטענעם און פולשטענדיקן „נייעם דיל”.

דער קאַמף פאַר אַן אויסגעהאַלטענער פרידנס־פּאָליטיק

דער איצטיקער קריזיס אין וועלט־פּאָליטיק געפינט אַמעריקע נאָך אַלץ אָן אַן אויסגעהאַלטענער אויסלענדישער פּאָליסי. אָנשטאָט אַזאַ פּאָליסי גע־פינען מיר אַ קאָנפליקט צווישן צוויי ריכטונגען, איינע פאַרטראָטן דורך דעם פּרעזידענט און זיינע אָנהענגער און די צווייטע — דורך דער טאָרי־קאָאַליציע אין קאָנגרעס מיט דער הילף פון קרום־קעפּיקע פּראָגרעסיסטן ווי לאַפּאָלעט. מיר קאָנען אָבער זאָגן, מיט מער זיכערקייט ווי ווען עס איז פריער, אַז די עפנטלעכע מיינונג פון דער מערהייט באַפעלקערונג פון לאַנד איז איצט אויסקריסטאַליזירט גאַנץ באַשטימט קעגן „נייטראַליטעט” און „אַפּיזמענט” בנוגע די פאַשיסטישע מלוכות; אַז די דאָזיקע עפנטלעכע מיינונג גייט באַ־שטימט אין דער ריכטונג פון דעם געדאַנק, אַז אַמעריקע דאַרף זיך באַטייליקן אין אָרגאַניזירן אַן אַלוועלטלעכן פרידנס־פראָנט פון דעמאָקראַטישע מלוכות, כאָטש עס זיינען פאַראַן טיפע און באַרעכטיקטע פאַרדאַכטן און ווידערווילן קעגן אַ פּאָליטיק פון פאַרפּלאָנטערן זיך אין די אימפּעריאַליסטישע רייכעריי־עןאין אייראָפּע.

דאָס וואָס רוזוועלט׳ס אָפּברעכן דעם יאַפּאַנעזיש־אַמעריקאַנעם האַנדלס־אָפּמאַך איז אויפגענומען געוואָרן מיט אַזאַ טיפער גוטהייסונג אין אַלע טיילן פון לאַנד, דאַרף באַצייכנט ווערן ווי אַ גרויסער זיג פאַר דער אַנטוויקלונג פון אַן אויסגעהאַלטענער און פּאָזיטיווער פרידנס־פּאָליטיק דורך דער אַמעריר־קאַנער רעגירונג. די וואָס זיינען געווען קעגן דעם טריט, האָבן בלויז געקאָנט מאַכן קרומע מינעס און מיטן מויל געבן זייער צושטימונג. און ווען עס איז געקומען דער סאָוועטיש־דייטשער ניט־אָנגריף אָפּמאַך און האָט צע־

שמעטערט די פאַשיסטישע אַקס, איז די אַמעריקאַנער פּאָליטיק אויף דעם ווייטן מזרח, וואָס האָט די טענדענץ צו שטיצן די כינעזער אין זייער מלחמה פאַר זייער זעלבסטשטענדיקייט, געוואָרן שטאַרקער און קלאָרער פאַר די מאַסן פון אַמעריקע. סענאַטאָר שוועלענבאַכ׳ס ענערגישע פאָדערונג צו דערקלערן אַ פולשטענדיקע עמבאַרגאָ קעגן יאַפּאַן האָט געפונען אַן אָפּקלאַנג איבערן גאַנצן לאַנד.

אָבער אין די לעצטע טעג האָבן מיר געזען ווי דער רעאַקציאָנערסטער טייל פון דער פּרעסע, וואָס שפּילט אָפּ דירעקט דעם הואווער־לאַגער, איז אַרויסגעקומען אָפן מיט דעם פאָרשלאַג, אַז אַמעריקע זאָל גרינדן אַ פּאַרטנער־שיפט מיט יאַפּאַן פאַר דער געמיינשאַפטלעכער עקספּלואַטאַציע פון כינע. דער דאָזיקער פאָרשלאַג האָט באַלד אַרויסגערופן אַזאַ פּראָטעסט אַפילו צווישן די שטענדיקע לייענער פון דער רעאַקציאָנערער פּרעסע, אַז די צייטונגען זיינען באַלד שטום געוואָרן וועגן דעם ענין, כאָטש אונטער די קוליסן ווערן אָן ספק אַנטוויקלט גרויסע פּלענער אין דער דאָזיקער ריכטונג. מיר מוזן געדענקען, אַז די טשעמבערלעין־רעאַקציאָנערן אין ענגלאַנד ספּעקולירן אויך אין דער זעלביקער ריכטונג.

אין דעם איצטיקן מאָמענט איז עס וויכטיק נאָכצופאָלגן און פאַרצייכענען די ענדערונגען, וואָס קומען פאָר אין פונדאַמענטאַלע פראַגן פון פּאָליסי און וואָס שפּיגלען אָפּ די איבערגרופּירונג אין דעם דעמאָקראַטישן פּאָליטישן לעבן פון אונזער לאַנד איבער דער פראַגע פון אויסלענדישער פּאָליטיק. עס איז גענוג אָנצואווייזן, אַז יענע קרייזן, וואָס זיינען געווען צום ענגסטן פאַרבונדן מיט טשעמבערלעינ׳ס „אַפּיזמענט״־פּאָליטיק און האָבן געפּרואווט אַנטוויקלען אַן אַמעריקאַנער אויפלאַגע פון דער טשעמבערלעין־פּאָליטיק, — אַז יענע מענטשן, כאָטש אין דעם איצטיקן מאָמענט זיינען זיי פאָרזיכטיק מיט זייערע רייד, באַוועגן זיך באַשטימט אין דער ריכטונג פון אַ פּאָליטיק, וואָס וואָלט געוואָלט מאַכן אַמעריקע פאַר אַ פּאַרטנער אין דער פאַשיסטישער צעטיילונג פון דער וועלט. און וואָס מער זיי שרייען קעגן דעם סאָוועטיש־דייטשן ניט־אָנגריף פּאַקט, אַז דאָס איז אַ בונד מיט פאַשיזם, אַלץ זיכערער קענען מיר זיין, אַז זיי שטויסן פאָראויס אַ פּאָליטיק פון פּאַרטנערשיפ צווישן אַמעריקע און פאַשיזם; און אַז אַ זיג פאַר דעם דאָזיקן לאַגער, פאַרטראָטן דורך הואווער, וואַנדענבערג, גאַרנער און אַז.וו., אין די וואַלן פון 1940, וואָלט אוועקגעשטעלט אַמעריקע אין דעם רעאַקציאָנערן פאַשיסטישן מלחמה־לאַגער פון דער וועלט.

דער דערפאָלג פון די טאָרים אין קאָנגרעס אין ניט דערלאָזן צו רעווידירן די נייטראַליטעט־געזעצן איז געווען אַ גרויסער זיג פאַר הערבערט הואווער, וועלכער פאַרטרעט דעם באַוואוסטזיניקסטן טייל פון דעם טאָרי־לאַגער אין דער פראַגע פון אויסלענדישער פּאָליטיק. גראָד אין דער פראַגע, איבער וועלכער די פאַרשיידענע טאָרי־גרופּן האָבן פאַרקערטע מיינונגען, האָבן זיי דערגרייכט אַ פולשטענדיק־פאַראייניקטע אַקציע, און די דאָזיקע אַקציע איז אין פאָראויס באַשטימט געוואָרן דורך הואווער׳ס שטעלונג.

קיין זאַך אילוסטרירט ניט אַזוי קלאָר דעם פּרינציפּנלאָזן כאַראַקטער פון דער טאָרי־קאָמבינאַציע, ווי אָט־די געשעעניש. ווען פּרינציפּן שטייען אין וועג פון זייער קאַמף פאַר מאַכט, איז עס ביי די טאָרים ניט שווער צו פאַרבויגן זייערע פּרינציפּן. לענדאָן, וועלכער האָט מיט אַ פּרומער מינע געהאַט דערקלערט, אַז ער גיט אויף פּאַרטיי־„פּאָליטיקס" אין דער פראַגע פון אויסלענדישער פּאָליטיק, איז אַרויסגעקומען מיט אַ ביטערער פּאַרטיזאַנישער אַטאַקע קעגן רוזוועלטן אין פאַרבינדונג מיט זיין רייזע קיין לימאַ. סטימסאָן, וועלכער האָט פריער געהאַט געשטיצט רוזוועלטן, האָט זיך צוריקגעצויגן און איז פאַרשוואונדן געוואָרן, כדי ניט צו באַלעסטיקן זיינע פריינט אין זייער אַטאַקע אויף רוזוועלטן. די „ניו יאָרק טאַימס" האָט אַריבערגעשפּאַנט צו דער אַהין־און־אַהעריקער פּאָזיציע, וואָס די „העראָלד טריביון" האָט פריער געהאַט פאַרנומען, בעת די „העראָלד טריביון" איז אַוועק ווייטער רעכטס און האָט אָפּן גענומען פּאַרטיידיקן די טאָרי־מאַנעוורעס. און די אַנטי־רוזוועלט דעמאָקראַטן פון דער סאַוט האָבן אָפּגעבראָכן מיט זייערע אייגענער פאַרגאַנגענהייט און מיט דער עפנטלעכער מיינונג פון דער סאַוט און האָבן געשטיצט די טאָרי־קאָאַליציע, ווי אַ פּרייז פאַר דער שטיצע, וואָס זיי קריגן פון די רעפּובליקאַנער קעגן רוזוועלטן. אין דעם קאַמף פאַר מאַכט זיינען פּרינציפּן און מיינונגען פאַרבויגן געוואָרן מיט מערקווירדיקער לייכטקייט, — און גראָד דורך די דזשענטלמענער, וואָס פאַרענטפערן זיך צום העכסטן מיט דעם געשריי, אַז „איך האָב בלויז געשטימט ווי מיין געוויסן האָט מיר דיקטירט".

די וויכטיקסטע איינצלנע דערשיינונג אין דעם איצטיקן מאָמענט אויף דעם געביט פון אויפקלערן דאָס אַמעריקאַנער פאָלק וועגן אינטערנאַציאָנאַלע ענינים איז דער אויפשטייג פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד ווי אַן אַנטשיידנדיקע מאַכט אין דעם קאַמף פאַר פרידן. נישט געקוקט אויף דער גאַנצער צעטומלעניש, וואָס טשעמבערלעין און זיינע אַגענטן אין אַמעריקע האָבן געשאַפן, זעט זיך אָן דער דאָזיקער פאַקט ווי אַ הויכער באַרג איבער דעם נעפּל פון רעאַקציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע.

די געמיינשאַפטלעכע אינטערעסן פון דעם סאָוועטישן און אַמעריקאַנער פאָלק זיינען אַרויסגערוקט געוואָרן צו דעם פאָדערגרונט פון אַמעריקאַנער באַוואוסטזיין. זיי זעען זיך אָן אַזוי קלאָר, אַז אַפילו די אָפּגעשטאַנענסטע מענטשן קאָנען זיי באַמערקן. די ענלעכקייט פון די פאַרהעלטענישן צווישן אַמעריקע און די אייראָפּייאישע רייסערייען און צווישן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און די אייראָפּייאישע רייסערייען וואַרפט זיך אין די אויגן. די דאָזיקע שטעלונג איז אַזוי ענלעך, אַז זי מאַכט אַ טיפן איינדרוק אַפילו אויף די ניט־פּאָליטישע און אָפּגעשטאַנענע אַמעריקאַנער בירגער. די אידייע פון סאָוועטיש־אַמעריקאַנער קאָאָפּעראַציע פאַר די געמיינשאַפטלעכע אינטערעסן פון ביידע לענדער איז געוואָרן אַ פּאָליטישע קראַפט פון ערשטער וויכטיקייט אין באַשטימען די אַמעריקאַנער פרידנס־פּאָליטיק. עס ווערט קלאָר פאַר אַלע די, וואָס זייער פאַרשטאַנד קאָן דורכדרינגען דעם נעפּל פון פאָראורטייל און באַגרייפן דיווירקלעכקייטן פון אַ וועלט פול מיט געפאַר, אַז אַ סאָוועטיש-

אמעריקאנער פארשטענדיקונג, א פלאנירטע געמיינשאפטלעכע אקציע פון די צוויי מעכטיקסטע מלוכות אין דער וועלט איז די דורכאויס נויטיקע באדינגונג פאר דער פולשטענדיקער באשיצונג פון אמעריקאנער נאציאנאלע אינטערעסן. און דער דאזיקער געדאנק דערגייט צו די ברייטע מאסן פון פאלק.

פאר דער טארי־קאאליציע און אלע אירע אגענטן איז אזא געדאנק, פארשטייט זיך, פונקט אזוי אנגעלייגט, ווי א רויטער טוך פאר אן אקס. דערמיט דערקלערט זיך די צעיושעטע קאמפאניע קעגן דער קאמוניסטישער פארטיי אין אמעריקע. פארוואס זיינען אט־די פארשוינען אזוי אויפגערודערט וועגן אונזערע הונדערט טויזנט מיטגלידער צווישן א באפעלקערונג פון 130 מיליאן? דאס איז דערפאר, וואס זיי זעען, אז די דאזיקע אידייע אפעלירט צו די אמעריקאנער מאסן און אז אונזער פארטיי איז דער ווירקזאמסטער אינסטרומענט אויף צו פארשפרייטן די דאזיקע אידייע צווישן די מאסן. זיי דערשרעקן זיך דעריבער, ווען זיי זעען די קאמוניסטישע פארטיי ווי א פארקעמפער פון דער אידייע, וואס האט די מעגלעכקייט און די פאטענציעלע מאכט צו פארכאפן די מערהייט פון דעם אמעריקאנער פאלק. בלויז ווען מיר פארשטייען דאס, קאנען מיר פארשטיין די צעיושעטע קאמפאניע אין דעם טארי־לאגער קעגן דער קאמוניסטישער פארטיי.

די אויסלענדישע פאליטיק פון יעדער מלוכה איז די אפשפיגלונג און אויסשפרייטונג פון איר אינערלעכן רעזשים. די פאליטיק פון ברוטאלן אנגריף און דעראבערונג אויפן חשבון פון אנדערע פעלקער, וואס די פאשיסטישע מלוכות פראקטיצירן, איז בלויז אן אנדער אספעקט פון דער בלוטיקער דיקטאטור קעגן זייער אייגן פאלק, אויף וועלכער די דאזיקע מלוכות זיינען אויפגעבויט געווארן. די פרידלעכע ראל, וואס אמעריקע שפילט אין אינטערנאציאנאלע פארהעלטענישן, שפיגלט אפ די לאנג־יאריקע עקזיסטענץ פון א בורזשואז־דעמאקראטישן אינערלעכן רעזשים, בעת די וואקלונגען און בלויזן אין אונזער פרידנס־פאליטיק שפיגלען אפ די עקזיסטענץ פון שטארקע און טעטיקע אנטי־דעמאקראטישע כחות אין אמעריקע. די פעסטע און אויסגעהאלטענע פרידנס־פאליטיק פון דעם סאוועטן־פארבאנד איז באזירט אויף דעם פאקט און שפיגלט אפ דעם פאקט, אז אין יענעם לאנד האבן די מאסן פון פאלק גענומען זייער גורל אינגאנצן אין זייערע אייגענע הענט, בעת די רעשטלעך פון אנטי־דעמאקראטישע כחות, וואס זיינען נאך אפשר פארבליבן אין יענעם לאנד, זיינען מאכטלאז צו באאיינפלוסן דעם קורס פון דער רעגירונג. זאלן די, וואס ווילן גלויבן אין דעם מיף, אז די סאוועטן־מאכט איז א דיקטאטור איבער דעם פאלק, פרואוון הארמאניזירן אזוינע פאנטאזיעס מיט דער אנערקענטער ראל פון דעם סאוועטן־פארבאנד ווי א פרידלעכסטע מלוכה, וואס איז אינגאנצן פריי פון וועלכע ס׳איז אגרעסיווע טענדענצן; וואס, מער ווי אלע אנדערע מלוכות אויף דער וועלט, שטייט זי פעסט פאר ארדענונגסמעסיקע אינטערנאציאנאלע פארהעלטענישן און פאר דער הייליקייט פון אפמאכן. אזא ראל קאן שפילן בלויז א רעזשים, וואס שטאמט ארגאניש

פון פאָלק און איז פעסט איינגעוואָרצלט אין דעם פאָלק, — דאָס הייסט, דער דעמאָקראַטישסטער רעזשים אין דער געשיכטע.

יאָזעף סטאַלין האָט געגעבן דעם פולשטענדיקסטן און אויטאָריטאַטיוון סטעיטמענט בנוגע דער אויסלענדישער פּאָליטיק פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד אין זיין באַריכט צו דעם 18טן קאָנגרעס פון דער סאָוועטישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי דעם 18טן מערץ, 1939. יענער סטעיטמענט דאַרף געלייענט און שטודירט ווערן נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל. דאָס איז אַ מוסטער פון אויס־לענדישער פּאָליטיק, וואָס אויב ער זאָל אָנגענומען און אָנגעווענדט ווערן אומעטום אַזוי ווי אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואָלט דאָס פאַרזיכערט אַן עפּאָכע פון אַלוועלטלעכן פרידן, וועגן וועלכער די בעסטע דענקער פון דער מענטשהייט האָבן שטענדיק געטרוימט. סטאַלין האָט געזאָגט:

„די אויסלענדישע פּאָליטיק פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד איז קלאָר און אויסגעשפּראָכן:

„1. מיר שטייען פאַר פרידן און פאַר דער פאַרשטאַרקונג פון געשעפטלעכע פאַרהעלטענישן מיט אַלע לענדער. דאָס איז אונזער פּאָזיציע, און מיר וועלן ניט אָוועקגיין פון דער דאָזיקער פּאָזיציע אַזוי לאַנג ווי יענע לענדער האַלטן אָן ענלעכע פאַרהעלטענישן מיט דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, אַזוי לאַנג ווי זיי מאַכן ניט קיין פּאַרזוך צו פאַרלעצן די אינטערעסן פון אונזער לאַנד.

„2. מיר שטייען פאַר פרידלעכע, נאָענטע און פריינטלעכע פאַרהעלטענישן מיט אַלע שכנ׳ישע לענדער, וואָס האָבן געמיינשאַפטלעכע גרענעצן מיט דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. דאָס איז אונזער פּאָזיציע און מיר וועלן ניט אָוועקגיין פון דער דאָזיקער פּאָזיציע אַזוי לאַנג, ווי יענע לענדער האַלטן אָן ענלעכע פאַרהעלטענישן מיטן סאָוועטן־פאַרבאַנד, אַזוי לאַנג ווי זיי מאַכן ניט קיין פּאַרזוך צו פאַרלעצן, דירעקט אָדער אינדירעקט, די גאַנצקייט און אומבאַרירבאַרקייט פון די גרענעצן פון דער סאָוועטישער מלוכה.

„3. מיר שטייען פאַר שטיצן די פעלקער, וואָס זיינען קרבנות פון אָנגריף און קעמפן פאַר דער זעלבסטשטענדיקייט פון זייער לאַנד.

„4. מיר האָבן קיין מורא ניט פאַר די דראָאונגען פון אָנגרייפער און מיר זיינען גרייט צו געבן צוויי קלעפּ פאַר יעדן קלאַפּ פון די מלחמה־העצער, וואָס פּרואוון פאַרלעצן די סאָוועטישע גרענעצן.

„אַזאַ איז די אויסלענדישע פּאָליטיק פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

„אין זיין אויסלענדישער פּאָליטיק שטיצט זיך דער סאָוועטן־פאַרבאַנד:

„1. אויף זיין וואַקסנדיקער עקאָנאָמישער, פּאָליטישער און קולטורעלער מאַכט.

„2. אויף דער מאָראַלישער און פּאָליטישער איינהייט פון אונזער סאָוועטישער געזעלשאַפט.

„3. אויף דער קעגנזייטיקער פריינטשאפט פון די פעלקער פון אונזער לאנד.
„4. אויף זיין רויטער ארמיי און רויטן פלאט.
„5. אויף זיין פאליטיק פון פרידן.
„6. אויף דער מאראלישער שטיצע פון די ארבעטנדיקע מענטשן פון אלע לענדער, וואס זיינען ווי אין לעבן פאראינטערעסירט אין איינהיטן דעם פרידן.
„7. אויף דעם גוטן פארשטאנד פון די לענדער, וואס צוליב איין אורזאך אדער א צווייטער האבן זיי נישט קיין אינטערעס צו ברעכן דעם פרידן.״

יא, מיר קאמוניסטן שטיצן אן רעזערוואציעס אט־די פאליטיק, וואס סטאלין האט פארמולירט, און מיר פאדערן אויף אלע לענדער, אריינגערעכנט אמעריקע, אנצונעמען אן ענלעכע פאליטיק. מיסטער מארטין דאיעז מאכט די קלאגע, אז דער דאזיקער פאקט פארוואנדלט אונז אין „אגענטן פון אן אויסלענדישער מאכט״ און מאכט אונז שולדיק אין „אנ־אמעריקאניזם״. אין דער ווירקלעכקייט איז דאס גאר אט־די פאזיציע, וואס מאכט אונז צו שטיצן פרעזידענט רוזוועלט׳ס אריענטאציע אין אויסלענדישער פאליטיק; און מיסטער דאיעז׳עס אנקלאגע קעגן אונז שפיגלט אפ זיין אפאזיציע צו דעם פרעזידענט, דעם פירער פון מיסטער דאיעז׳עס אייגענער פארטיי. לאזנדיק אן א זייט, אויף דעם מאמענט, די פראגע פון דעם „אמעריקאניזם״ פון די אמעריקאנער קאמוניסטן, זיינען מיר גרייט איבערצוגעבן צו א פאלקס־אפשטימונג פון אלע אמעריקאנער די פראגע — ווער עס פארטרעט בעסער דעם אמתן אמעריקאניזם, — מארטין דאיעז, וועלכער באקעמפט דעם פרעזידענט, אדער פרעזידענט רוזוועלט, וואס זיין אויסלענדישע פאליטיק ווערט געשטיצט פון די אמעריקאנער קאמוניסטן. מיר ווייסן, אז דער אורטייל וועט נית זיין גינסטיק פאר מיסטער דאיעז.

אין די אלע פראגן פון אויסלענדישער פאליטיק פאר אמעריקע שטיצן מיר, קאמוניסטן, און פארטיידיקן די פארטיידיקונג פון אמעריקאנער נאציאנאלע אינטערעסן. מיר פארשטייען די נאציאנאלע אינטערעסן פון אמעריקע ווי די אינטערעסן פון די ארבעטנדיקע מאסן פון דעם אמעריקאנער פאלק און מיר אידענטיפיצירן זיי נית מיט די ספעציעלע אינטערעסן פון די אמעריקאנער קארפארעישאנס, וועלכע קאנען קומען אין קאנפליקט מיט די אינטערעסן פון אן אנדער לאנד. דאס אז די איינציקע רעזערוואציע, וואס מיר געפינען פאר נויטיק צו מאכן, אין די אינטערעסן פון פולשטענדיקער קלארקייט, בנוגע אונזער באדינגונגסלאזער שטעלונג אויף דעם באזיס פון אמעריקאנער נאציאנאלע אינטערעסן ווי א באזיס פאר אויסלענדישער פאליטיק. און דאס איז פולשטענדיק איז איינקלאנג מיט דעם פראגרעסיווסטן אינטערנאציאנאליזם, פונקט ווי דזשעפערסאנ׳ס אויסלענדישע פאליטיק איז געווען פולשטענדיק אין איינקלאנג מיט דעם פראגרעסיווסטן אינטערנאציאנאליזם פון זיין צייט.

מיר ווידערהאלן נאכאמאל דאס, וואס מיר האבן א סך מאל באטאנט, אז מיר קאמוניסטן זיינען גוטע אמעריקאנער צוליב אונזער אינטערנאציאנאליזם און נית טראץ דעם; און אז מיר זיינען אלץ בעסערע אינטערנאציאנאליסטן, וואס מער מיר לערנען זיך אויס ווי אזוי צו זיין אין דער ערשטער ריי צווישן גוטע אמעריקאנער.

כדי צו זיין א גוטער אמעריקאנער, איז נית גענוג בלויז מיט ווערטער אויסצודריקן א וואונטש צו פארטיידיקן די אמעריקאנער נאציאנאלע אינ־טערעסן. די טאָרים שלאגן פאר צו פארטיידיקן אמעריקאנער נאציאנאלע אינטערעסן דורך גרינדן א נאציאנאלע קאאליציע־רעגירונג, אין וועלכער פרעזידענט רוזוועלט זאל איינשטימען זיך אונטערצואווארפן צו א ספעציעלן ראט, וואס זאל צוזאמענגעשטעלט ווערן אויף אן אופן, וואס זיי וועלן דיקטירן און וואס זאל אין זיין מערהייט באשטיין פון קאנסערוואטיווע רעפובליקאנער און טאָרי־דעמאקראטן. באטראכט נאר וואס דאס מיינט. ווען דער טאָרי־לאגער רופט צו נאציאנאלער איינקייט און אונטער דעם צודעק פון אזא לאזונג פאדערט ער די קאפיטולאציע פון דעם „נייעם דיל" אן באדינגונגען, איז דאס אין דער ווירקלעכקייט א סטראשונעק דעם לאנד. די טאָרים ווילן דערמיט זאגן: „אויב איר וועט אונז נית איבערגעבן אט־דעם קאנטראל איבערן פרעזידענט, וועט איר נישט האבן קיין נאציאנאלע איינקייט; איר וועט אונז האבן אין דער אפאזיציע, און ווען איר האט אונז אין דער אפאזיציע, האט איר אין דער אפאזיציע די מענטשן, וואס קאנטראלירן די ווירטשאפט און די פינאנצן פון אמעריקע." דעריבער זעען מיר הינטער דעם לאזונג פון נאציאנאלער איינקייט א דראאונג צו פארניכטן אונזער נאציאנאלע איינקייט. דעמאקראטישע אמעריקע וועט קיינמאל זיך נית לאזן ארייננארן דורך אזא לאזונג פון נאציאנאלער איינקייט, וואס אין דער אמת'ן מיינט דאס — אויפגעבן אלצדינג, וואס דעמאקראטישע אמעריקע האט אויסגע־קעמפט און דערגרייכט אין די לעצטע אכט יאר. נאציאנאלע איינקייט וועט דערגרייכט ווערן נישט דורך אפשוואכן און אויפגעבן די פראגרעסיווע פאליסים פון דעם „נייעם דיל". נאציאנאלע איינקייט וועט דערגרייכט ווערן דורך ברענגען א העכערע מאס גערעכטיקייט פאר די מאסן פון לאנד, א בעסער לעבן, א מער פולשטענדיקן „נייעם דיל", פאר די פאלקס־מאסן. און דאס איז דער איינציקער מעגלעכער וועג צו נאציאנאלער איינקייט אין דער געפער־לעכער און קריג־וואנזיניקער וועלט פון היינט־צו־טאג. יעדע פאליסי, יעדער אקט און ווארט מוז געאורטיילט ווערן פון דעם שטאנדפונקט, צי דאס העלפט אדער שעדיקט אט־די נאציאנאלע אינטערעסן.

לאמיר נעמען פאר א ביישפיל די פראגע פון שפאניע. מיסטער דאיעז האט עס געהאלטן פאר וויכטיק ארייננצושרייבן אין דעם רעקארד פון זיין קאמיטע די קלאגע, אז דורך שטיצן און העלפן דעם אייבראהאם לינקאלן באטאליאן אין שפאניע האבן אמעריקאנער קאמוניסטן באוויזן, אז זיי זיינען נית קיין גוטע אמעריקאנער. מיסטער דאיעז האט עס געהאלטן פאר שרעקלעך „נית־אמעריקאניש", וואס ארום דריי טויזנט אמעריקאנער יונגעלייט זיינען

פּריוואַטע אַריינגעטראָטן אין דער שפּאַנישער אַרמיי צו פאַרטיידיקן די שפּאַנישע רעפּובליק. און דאָס שרעקלעכסטע דערבײַ, האַלט מיסטער דאַיעז, איז געווען דער הויכער פּראָצענט קאָמוניסטן, כמעט אַ העלפט אפשר, וואָס זײַנען „אַריינגעטראָטן אין דער דינסט פון אַן אויסלענדישער מלוכה", ווי ער האָט דאָס באַצייכנט.

אָבער לאָמיר שטעלן די פראַגע: ווער האָט ווירקלעך פאַרטיידיקט די אַמעריקאַנער נאַציאָנאַלע אינטערעסן, — די מענטשן ווי מאַרטין דאַיעז, וואָס האָט געשריען הוראַ פאַר פראַנקאָ'ן און די פאַשיסטישע אינטערווענטן אין שפּאַניע, אָדער די באָיס פון דעם אייבראַהאַם לינקאָלן באַטאַליאָן, וואָס מער ווי אַ דריטל פון זיי האָבן אַוועקגעגעבן זייערע לעבנס אויף צו ראַטעווען די שפּאַנישע רעפּובליק? שפּאַניע אונטער פראַנקאָ'ן איז געוואָרן אַ קוואַל פון פאַשיסטישער אָנשטעקונג פאַר גאַנץ לאַטייניש אַמעריקע און דער אָרגאַניזירטער צענטער פון אַנטי־אַמעריקאַניזם צווישן די שפּאַניש־רעדנדיקע פעלקער פון דער וועלט. פראַנקאָ'ס שפּאַניע האָט געשאַפן נאָך אַ מעגלעכן מיליטערישן פראָנט קעגן פראַנקרייך און געגעבן היטלער'ן אַ פּאָטענציעלע אַטלאַנטישע שיף־באַזע, וואָס איז נאָענטער צו מערסטע לאַטייניש־אַמעריקאַנער לענדער, ווי ניו יאָרק.

עס איז ניט נייטיק צו זײַן קיין קאָמוניסט, כדי צו זען, אַז די רעטונג פון דער שפּאַנישער רעפּובליק איז געווען לעבנס־נויטיק פאַר אַמעריקאַנער נאַציאָנאַלע אינטערעסן און אַז פראַנקאָ'ס זיג איבער דער שפּאַנישער רעפּובליק איז איינער פון די שווערסטע קלעפּ, וואָס אַמעריקע האָט געקראָגן אין אַ לאַנגער צייט.

דערלויבט מיר דאָ צו ציטירן איבער דער דאָזיקער פראַגע די ווערטער פון אַ וואויל־באַקאַנטער, צעיושעטער אַנטי־קאָמוניסטישער און אַנטי־„ניו דיל" אויטאָריטעט איבער געזעלשאַפטלעכע פראַגן, — ניט קיין אַנדערע, ווי מיס דאָראָטי טאָמסאָן, מײַן „באַליבטע" קאָלומניסטקע. אַנומלטן האָט זי געשריבן אין אַ קאָלום:

„אויב מיר האָבן ערנסט געוואָלט ניט דערלאָזן צו דער מעגלעכקייט, אַז זיד־אַמעריקע, אַ קאָנטינענט מיט די אינטימסטע קולטורעלע פאַרבינדונגען מיט שפּאַניע, זאָל מיט דער צייט ווערן אַ פאָר־פּאָסט פון די „אַקס"־מלוכות, האָבן מיר געהאַט די מעגלעכקייט אין די לעצטע דריי יאָר אין שפּאַניע, וואו אַן אַקטיווע און פּאָזיטיווע פּאָליטיק, אָנגעפירט צוזאַמען מיט אַנדערע, וואָלט געקאָנט געווען אַנטשיידן דעם אויסגאַנג פון דעם שפּאַנישן בירגער־קריג... אָנשטאָט דעם אָבער האָבן מיר אויסגעקליבן צו באַטראַכטן דעם שפּאַנישן בירגער־קריג ווי אַ ריין־אייראָפּייאישן ענין און אויסצומיידן וועלכע ס'איז אַריינמישונג."

און זי קומט דערנאָך צום שלום, אַז אויב אַמעריקע וועט ווייטער אָנהאַלטן אַזאַ ליניע, וועט אין אַ פאַרהעלטנישמעסיק קורצער צייט — איך ציטיר:

„ניט זיין קיין אָפּענע טיר אין דעם ווייטן מזרח, קיין מאָנראָו־דאָקטרינע און קיין אייראָפּע . . . מיר וועלן האָבן איזאָלאַציע באַשרענקט אויף צפון־אַמעריקע.״

די קלייניקייט, וואָס מיס טאַמסאָן האָט פאַרזען אין איר חשבון, איז דער ניט־אָנגריף אָפּמאַך צווישן סאָוועטן־פאַרבאַנד און דייטשלאַנד, וועלכער האָט צעשמעטערט איר טרויעריקע פּערספּעקטיווע און אַ סך פאַרבעסערט די אינטערנאַציאָנאַלע פּאָזיציע פון די פאַראייניקטע שטאַטן. אָבער אין דער צייט, ווען זי האָט געשריבן יענע ווערטער, האָבן זיי אין זיך געהאַט אַ סך רעאַליזם און האָבן געקוקט די פאַקטן אין פּנים אַריין פון אַ קאָנסערוואַטיוון שטאַנדפּונקט. מיס טאַמסאָן איז פולשטענדיק גערעכט, ווען זי ווייזט אָן, אַז די וואַקסנדיקע געפאַר פאַר אַמעריקע, פאַר איר נאַציאָנאַלער זעלבסט־שטענדיקייט גופא, שטאַמט דירעקט פון דער נידערלאַגע פון דער שפּאַנישער רעפּובליק. מיר קאָנען פרעגן: וואָס האָט זי און אירע פּאָליטישע קאָלעגן געטאָן אויף צו פאַרמיידן די געפאַר? וואָס האָט מאַרטין דאַיעז געטאָן? וואָס האָט דער גאַנצער טאָרי־לאַגער געטאָן? וואָס האָבן געטאָן אַפילו אונ־זערע איבערצייגטע פּראָגרעסיסטן? וועגן מערסטע פון זיי, וואָס מיר קאָנען וועגן זיי זאָגן אַז זיי האָבן גאָרנישט ניט געטאָן, קאָנען מיר אָבער אויך זאָגן, אַז זיי האָבן געטאָן ערגער ווי גאָרנישט, אַז גאָר אַ סך פון זיי האָבן אַקטיוו געהאָלפן פראַנקאָ׳ן צו אַ מיליטערישן זיג. דאָס קאָן אָבער נישט גע־זאָגט ווערן וועגן די קאָמוניסטן. די קאָמוניסטן האָבן אָן באַדינגונגען מקריב געווען זייערע לעבנס, כדי צו העלפן באַשיצן אַמעריקע פון אָט־דער געפאַר.

ווער האָט אין דעם פאַל פאַרטיידיקט אַמעריקאַנער נאַציאָנאַלע אינ־טערעסן? קיינער אָן אויסנאַם האָט ניט פאַרטיידקט אַמעריקע אַזוי, ווי דער גלאָררייכער איבראַהאַם לינקאָלן באַטאַליאָן. איך קען זאָגן אין דעם נאָמען פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אַז מיר זיינען שטאָלץ איבער יעדער מאָס צו דערקלערן זיך אָפן ווי די באַדינגונגסלאָזע פּאָליטישע אונטערשטיצער פון יענער פּרעכטיקער קערפּערשאַפט פון אַמעריקאַנער יונגעלייט, וואָס זייער אָפּערווויליקע העלדישקייט און פּאָליטישע וויזיע האָט געהאָלפן איינהאַמעווען דעם פאַשיזם און אונז געגעבן צייט אויפצואוועקן אונזער לאַנד בנוגע דער פאַשיסטישער געפאַר, איידער עס איז געוואָרן צו שפּעט! מיר זיינען צופרידן צו דערלויבן אַלע אונטערשטיצער און פאַרטיידיקער פון פראַנקאָ׳ן צו פאַר־שרייבן זייערע נעמען אין דער אַמעריקאַנער געשיכטע זייט ביי זייט מיט די נעמען פון בענעדיקט אַרנאָלד און עראָן באָר, די גרעסטע פאַררעטער אין דער געשיכטע פון אַמעריקע.

עס איז דאָ נויטיק, אַז מיר זאָלן שענקען ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט צו דער פראַגע פון די שפּאַנישע פּליכטלינגען און פון די געבליבענע קעמפער פון לינקאָלן באַטאַליאָן אין פראַנקרייך, וואָס פאַר זיי ווערן געמאַכט שווע־ריקייטן צוריק צו קומען קיין אַמעריקע. באַזונדער ברענענדיק איז די פּראָבלעם פון די שפּאַנישע פּליכטלינגען, און די דאָזיקע ברענענדיקע און שווערע

פּראָבלעם ווערט נאָך מער קאָמפּליצירט אין אירע שווערקייטן דורך דער איצטיקער סיטואַציע אין אייראָפּע. בלויז די אַמעריקאַנער לענדער קאָנען לייזן די דאָזיקע פּראָבלעם אויף אַן אופן, וואָס זאָל כאָטש וויפיל ניט איז שטימען מיט די פאַראַנטוואָרטלעכקייטן, וואָס פּראָגרעסיווע אַמעריקאַנער דאַרפן אויף זיך נעמען אויף אָנצוהאַלטן געוויסע סטאַנדאַרדס פון מענטשלעכקייט איבער דער גאַנצער וועלט. איך וויל דאָ ניט אַריינגיין אין דעטאַלן וועגן דער פראַגע, נאָר בלויז באַטאָנען, אַז מיר מוזן אַוועקשטעלן אויף דער טאָג־אָרדענונג ווי אַ פּאָליטישע פראַגע פאַר אַמעריקע די לייזונג פון דער פּראָבלעם פון שפּאַנישע פּליכטלינגען.

וואָס איז דער אַלגעמיינער כאַראַקטער פון דעם איצטיקן מאָמענט אין וועלט־פּאָליטיק? ס'איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, ווי עס רעדט וועגן דעם איינער פון די שאַרפסטע מוחות פון דעם טאָרי־לאַגער. איך קער זיך ווידער אום צו דאָראָטי טאָמסאָן, וואָס האָט די זעלטענע מעלה פון פאַרקערפּערן אין איר אייגענער פּאָליטישער פּערזענלעכקייט יעדן ווידערשפּרוך פון דעם טאָרי־לאַגער אין זיין שאַרפסטער פאָרם. זי איז צו איינער און דער זעלביקער צייט אַ ליבלינג פון דער אַרכי־רעאַקציאָנערער יוניאָן ליג, איינע פון די מעגלעכע טאָרי־קאַנדידאַטן פאַר פּרעזידענט און איז באַקאַנט אין די וואָול־גאַרע פאַשיסטישע קרייזן ווי אַ „באָלשעוויק", ווייל זי האָט מורא פאַר היטלער'ן! מיס טאָמסאָן האָט געשריבן דאָס פאָלגענדע צוריק מיט טעלעכע וואָכן, און מיר מוזן געדענקען אַז היינטיקע צייטן איז צוריק מיט טעלעכע וואָכן דאָס זעלביקע ווי צוריק מיט צענדליקער יאָרן. יאָ, צוריק מיט טעלעכע וואָכן האָט מיס טאָמסאָן געשריבן:

„דאָס וואָס קומט איצט צו אַ קלימאַקס אין אייראָפּע, איז ניט קיין אַנטשיידונג וועגן אייראָפּע. ס'איז אַן אַנטשיידונג וועגן דעם גאַנצן ערד־קוגל. . . . עס האַנדלט זיך וועגן אַ פולשטענדיקער איבערטיילונג פון וועלט־מאַכט און אַ פולשטענדיקער רעאָרגאַניזאַציע פון דער גאַנצער וועלט."

די דאָמע איז הונדערט פּראָצענט גערעכט. און פון דעם שטאַנדפּונקט פון אַ ריכטיקער אָפּשאַצונג דאַרף מען שאַצן די געשעענישן, וואָס זיינען פאָרגעקומען נאָכדעם, ווי מיס טאָמסאָן האָט אָנגעשריבן יענעם פּאַראַגראַף. גראָד אין אַזאַ ליכט וועט איר פאַרשטיין טשעמבערלעינס אָפּזאָגן זיך צו קומען צו אַ פאַרשטענדעניש מיטן סאָוועטן־פאַרבאַנד וועגן קעגנזייטיקער הילף. דער קאַמף, וואָס קומט פאָר, איז אַ קאַמף פאַר דער פולשטענדיקער איבערטיילונג פון וועלט־מאַכט, צווישן די אימפּעריאַליסטן. מר. טשעמבערלעין האָט ניט געקאָנט קומען צו קיין פאַרשטענדיקונג מיטן סאָוועטן־פאַרבאַנד, סיידן ער זאָל אויפגעבן די אַלטע בריטישע טראַדיציע, אַז „בריטאַניע הערשט איבער דער וועלט און מוז ווייטער הערשן איבער דער וועלט." ווייל דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט ניט געקאָנט איינגעשפּאַנט ווערן אין אַ פּאָזיציע און אַ ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון אָט־דער פּאָליטיק פון ענגלאַנד.

פונקט אזוי, רעכן איך, וועט אמעריקע קיינמאל זיך ניט לאזן איינשפאנען אין אזא שפאן. אין דעם קאמף פאר א פולשטענדיקער איבערטיילונג פון דער וועלט מוז אונזער פאליטיק זיין געווענדט אין דער ריכטונג פון צעברעכן יעדע אימפעריאליסטישע הערשאפט איבער אנדערע פעלקער, ווער עס זאל ניט זיין דער באהערשער. מיר מוזן אכטונג געבן, אז קיין אימפעריאליסטישע מאכט אדער קאמבינאציע פון מלוכות זאל ניט קאנען דורכפירן די פול־שטענדיקע רעארגאניזאציע פון דער וועלט. די וועלט דארף רעארגאניזירט ווערן דורך דעם פאלק, זי דארף רעארגאניזירט ווערן אזוי, אז עס זאל אפ־געשאפט ווערן די הערשאפט פון איין פאלק איבער א צווייטן און ניט דורך אויסברייטערן און פאראייביקן אזא הערשאפט, אונטער וואס פאר א פאן די אימפעריאליסטישע עקספלואטאציע זאל ניט דורכגעפירט ווערן.

און מיר מוזן זאגן, אז דער קומענדיקער קלימאקס אין אמעריקע, די וואלן פון 1940, איז ניט קיין אנטשיידונג וועגן אמעריקע, נאר וועגן דער גאנצער וועלט. ס'איז אן אנטשיידונג וועגן דעם, צי אמעריקע זאל אליין ארייננטרעטן זעלבסטשטענדיק אין דעם קאמף פאר דער איבערטיילונג פון דער וועלט ווי א קאנקורירנדיקער אימפעריאליזם, אדער אין קאאפעראציע מיט אן אנדער אימפעריאליזם, ווי דער טארי־לאגער אין אמעריקאנער פאליטיק וואלט דאס וועלן האבן; צי אמעריקע זאל ארייננגעווארפן ווערן אויף דער וואג־שאל פון דער וועלט אויף צו מאכן א סוף צו אט־דער אימפעריאליסטי־שער איבערטיילונג פון דער וועלט, צו באפרייען די אונטערדריקטע פעלקער און צו־שטאנד ברענגען א פאלקס־רעארגאניזאציע פון דער וועלט. דאס איז די „אישו" פון די אמעריקאנער פרעזידענט־וואלן אין 1940.

בלויז דעמאלט, ווען מיר פארשטייען אט־דעם פונדאמענטאלן פאקט, קאנען מיר זען די פולע באדייטונג פון די „אישוס", די ביטערקייט און שארפ־קייט פון דעם פאליטישן קאמף, וואס וויקלט זיך פאנאנדער אין אמעריקע.

דער פונדאמענטאלער כאראקטער־שטריך פון אמעריקאנער פאליטישע גרופירונגען פון כחות אין שייכות מיט אויסלענדישער פאליטיק איז אזא: דער ארבעטער־לאגער און דער לאגער פון דעם „נייעם דיל" פארטרעט די גרופירונג פון דעם אמעריקאנער פאלק אין דער ריכטונג פון א קאמף פאר באפרייאונג, קעגן פאשיזם און קעגן יעדער אימפעריאליסטישער באהערשונג. די טארי־קאאליציע — הואווער, גארנער און קא. — פארטרעטן די אידייע פון אמעריקאנער פארטנערשיפ אין דער אימפעריאליסטישער איבערטיילונג פון דער וועלט, אדער די אמעריקאנער אויבערהערשאפט אויף אן אימפעריא־ליסטישן באזיס. און מיר מוזן זיך צוגרייטן און העלפן צוגרייטן דעם גאנצן דעמאקראטישן און ארבעטער־לאגער פאר אזא פולער פארשטענדניש בנוגע זיין גרויסער היסטארישער באדייטונג.

3.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי — איר ראָל און אויפגאַבן

איצט לאָמיר ווענדן אונזער אויפמערקזאַמקייט דירעקט צו אונזער אייגענער פּאַרטיי, צו פאַרטיפן אונזער פאַרשטענדעניש בנוגע איר היסטאָרי־שער ראָל און דורכדעם זי בעסער צוגרייטן פאַר דער דערפאָלגרייכער דורכ־פירונג פון אירע ריזיקע און וואַקסנדיקע אויפגאַבן.

מיר נוצן אויס די געלעגנהייט פון דעם צוואַנציק־יאָריקן יובילײ פון דער גרינדונג פון דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל (מערץ 1919) און פון דעם צוואַנציק־יאָריקן יובילײ פון אונזער אייגענע רפּאַרטיי (סעפּטעמבער 1919), כדי אָנצוהויבן דעם יאָר אַ מער אינטענסיוון און סיסטעמאַטישן שטודיום פון אונזער אייגענער געשיכטע. מיר האָבן אין דער דאָזיקער אַרבעט געקראָגן אַן אָנרעגונג און אַ הילף, וואָס לאָזט זיך גאָר ניט אָפּשאַצן, אין דעם ביישפּיל פון דער „געשיכטע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון סאָוועטן־פאַרבאַנד”, — אַ געשיכטע פון דער פּאַרטיי, וואָס איז געשטיגן פון אַ קליינער גרופּע צו אַ פּאָזיציע פון דעם אַרכיטעקטאָר און באַשאַפער פון אַ נייער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט אויף אַ זעקסט־חלק פון דער ערד, וואָס נעמט אַריין הונדערט און זיבעציק מיליאָן מענטשן.

דער געביט און דער פאַרנעם פון אונזערע אייגענע היסטאָרישע שטודיען איז נויטיקערווייז באַשרענקט דורך דעם באַשיידענעם פאַרנעם פון אונזערע דערגרייכונגען, אָבער די וועזנטלעכע פּרינציפּן, וואָס זיינען אַנטוויקלט אין דער „געשיכטע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון סאָוועטן־פאַרבאַנד”, פאַרמאָגן אַן אַלוועלטלעכע גילטיקייט און שאַפן פאַר אונז אַ שליסל, וואָס דורך פלייסיקער אָנווענדונג און שפּעטערישער פאַרשטענדעניש קאָנען מיר מיט אים עפענען די טיר צו אַ פולשטענדיקער אינטעלעקטועלער באַהערשונג פון אונזערע אייגענע היסטאָרישע פּראָבלעמען. צו באַהערשן געשיכטע הייסט — באַהערשן די טעאָריע פון מאַרקסיזם־לעניניזם.

אין דעם לויפנדיקן נומער „די קאָמיוניסט” (סעפּטעמבער, 1939) האָב איך בייגעטראָגן געוויסע באַטראַכטונגען וועגן דער געשיכטע פון אונזער פּאַרטיי, וואָס האָבן צו טאָן הויפּטזאַכלעך מיט די היסטאָרישע וואָרצלען פון אונזער פּאַרטיי (פאַר 1919), די ערשטע צען יאָר, אין דעם משך פון וועלכע אונזער פּאַרטיי האָט זיך אויסקריסטאַליזירט און האָט ענדלעך אויסגעראַמט די פיינטלעכע עלעמענטן, די טראָצקיסטן און לאָווסטאָניסטן (1919־1929), און דעם פּעריאָד פון דעם גרעסטן קאַפּיטאַליסטישן קריזיס (ביז 1935), וואָס האָט געפירט צו דער באַשטימטער אויסקריסטאַליזירונג פון דער פּאָליטיק פון

דעמאָקראַטישן פראָנט (דער זיבעטער וועלט־קאָנגרעס פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל אין 1935 און אונזער נײַנטע נאַציאָנאַלע קאָנווענשאָן אין 1936). אין אָט־דער היסטאָרישער סביבה קאָנען מיר צום בעסטן און צום ריכטיקסטן אָפּשאַצן דעם וואוקס און די אַנטוויקלונג פון אונזער פּאַרטיי אין די לעצטע פיר יאָר, ווען מיר זײַנען געוואָרן אַ גאָר באַדײַטונגספולע נאַציאָנאַלע פּאָליטישע קראַפט.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי, איצט ווי אַלעמאָל, האָט פאַר זיך דעם פונדאַמענטאַלן ציל צו אָרגאַניזירן און צו געבן די ריכטונג פאַר דער טראַנספאָרמירונג פון דער געזעלשאַפט פון איר איצטיקן קאַפּיטאַליסטישן באַזיס צו אַ סאָציאַליסטישן באַזיס; פון אַ געזעלשאַפט פון קלאַסן־צעטיילונגען און קלאַסן־קאַמפן צו אַ געזעלשאַפט אָן קלאַסן; פון אַ סיסטעם פון עקספּלואַטאַציע פון די מאַסן דורך אַ פאַרהעלטניסמעסיק־קליינעם פּאַראַזיטישן קלאַס, צו אַ סיסטעם אָן עקספּלואַטאַציע, אין וועלכער דאָס פאָלק באַזיצט געמיינשאַפטלעך די מיטלען אויף צו מאַכן אַ לעבן; פון אַ געזעלשאַפט, וואָס איז כסדר אַרײַנגעצויגן אין אַלץ מער צעשטערנדיקע מלחמות, צו אַ געזעלשאַפט, וואָס גאַראַנטירט אַלוועלטלעכן פרידן. די דאָזיקע צילן זײַנען געווען, זײַנען איצט און וועלן בלײַבן דער פונדאַמענטאַלער גרונט פאַר דער עקזיסטענץ פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. בלויז דעמאָלט, ווען די דאָזיקע צילן וועלן פולשטענדיק פאַרווירקלעכט ווערן, וועט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי — האָבנדיק דורכגעפירט איר היסטאָרישע מיסיע — פאַרשווינדן.

עס פאָלגט דערפון, אַז בעת די קאָמוניסטישע פּאַרטיי לאַדט איין אין אירע רייען אַלע מענטשן, וואָס שטימען איין מיט דער דאָזיקער פּראָגראַם און אַרבעטן לאָיאַל אויף זי צו פאַרווירקלעכן; בעת די פּאַרטיי פאַרטרעט און רעכנט זיך אין דער פולער מאָס מיט די אינטערעסן און שטרעבונגען פון אַלע טיילן פון דער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג, איז זי אין דער ערשטער ריי — די פּאַרטיי פון אינדוסטריעלע לוין־אַרבעטער, די פּאַרטיי פון דעם פּראָלעטאַריאַט. דאָס ווערט באַשטימט ניט בלויז דורך דעם פאַקט, וואָס די אינדוסטריעלע אַרבעטער זײַנען די אַנטשיידנדיקסטע קראַפט אין דער פאָלקס־דעמאָקראַטיע, נאָר מער ווי אַלץ דורך דעם פאַקט, וואָס סאָציאַליזם אַנטשפּרעכט און שטאַמט פון די קלאַס־אינטערעסן און דער קלאַס־פּאָזיציע פון די אינדוסטריעלע אַרבעטער מער פולשטענדיק ווי פון וועלכן ס'איז אַנדערן קלאַס; אַז די אינדוסטריעלע אַרבעטער זײַנען די באַשערטע פירער פון דער מענטשהייט צו דער נעקסטער העכסטער שטופע, צו סאָציאַליזם, און אַז זיי זײַנען די טרעגער פון דער נייער סאָציאַליסטישער קולטור. דער הויפּטצוועק פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי איז צו ברענגען דעם פולן באַוואוסטזיין בנוגע אָט־דער היסטאָרישער מיסיע צו די ברייטע מאַסן פון דעם אַרבעטער־קלאַס, צו מאַכן אים באַוואוסטזיניק וועגן זיך גופא און וועגן זײַנע אויפגאַבן.

די פּאָליסי פון דעם פאָלקס־פראָנט און פון דעם דעמאָקראַטישן פראָנט, וואָס שטרעבט צו דערגרייכן די גרעסטע דעמאָקראַטישע איינִיקייט פון פאָלק

קעגן פּאַשיזם און מלחמה, אָפּגעזען פון זייער שטעלונג צו סאָציאַליזם, מיינט אויף קיין אופן ניט — אויפגעבן אָדער ענדערן אונזער פונדאַמענטאַלע סאָציאַליסטישע פּראָגראַם. פאַרקערט, דאָס איז די סאַמע וויכנשאַפטלעכע, די פּינקטלעכסטע, די פולשטענדיקסטע צופּאַסונג פון די דאָזיקע צילן צו דיווירקלעכקייטן פון דעם באַלדיקן היסטאָרישן מאָמענט. ווייל ס׳איז ניטאָ קיין אייננפאַכער און קיין דירעקטער קורצער וועג צו דער צוקונפטיקער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, וועלכע איז ניט קיין אוטאָפּיע, וואָס וועט אַראָפּפאַלן פון הימל, נאָר זי גייט־אויף אין די טיפעניש פון דער אַלטער געזעלשאַפט און ווערט געבוירן אין יסורים און געבורט־ווייען. דער וועג צום סאָציאַליזם איז דער וועג פון דערציען די מאַסן, די מערהייט פון פאָלק, דורך זייערע דערפאַרונגען און קאַמפן, אַז זיי זאָלן פאַרטיידיקן די אַלע זאַכן, וואָס זיי האַלטן טייער אין לעבן און זאָלן זיי אויסברייטערן אַזוי, אַז ס׳זאָל געשאַפן ווערן אַ בעסער לעבן פאַר אַלעמען.

אונזער מאַרקסיסטיש־לענינסטישע טעאָריע לערנט אונז, אַז סאָציאַליזם איז די אומפאַרמיידלעכע נעקסטע שטופע פון דער געזעלשאַפט. אָבער אָט־די אומפאַרמיידלעכקייט האָט גאָרנישט ניט צו טאָן מיט די טעכנישע, מיסטישע, פאַטאַליסטישע באַגריפן בנוגע די כחות, וואָס באַשטימען דעם מענטשלעכן גורל. מיר האָבן אינגאַנצן אָפּגעוואָרפן די לעצטע שפּורן פון איבער־נאַטירלעכער פאָרויס־באַשטימונג פון מענטשלעכן גורל. סאָציאַליזם איז אומפאַרמיידלעך, ווייל קאַפּיטאַליזם מאַכט דאָס פאַר נויטיק ווי דעם איינציקן אויסוועג פון כאַאָס און פאַרניכטונג; ווייל קאַפּיטאַליזם האָט געשאַפן דעם אינדוסטריעלן אַרבעטער־קלאַס, וואָס איז פייאיק צו דערגרייכן צו סאָציאַליזם; און ווייל די מענטשהייט האָט דערגרייכט צו אַ גענוג הויכער שטופע פון אינטעליגענץ און אָרגאַניזאַציע אויף צו קאָנען אויסמיידן די קאַטאַסטראָפע, וואָס איז איר איינציקע אַנדערע ברירה.

דער דאָזיקער אמת ווערט אָבער ניט אַנטפּלעקט אין אַן איינצעלנעם מאָמענט פון אינספּיראַציע פאַר דער גאַנצער מענטשהייט, צי פאַר אַ גאַנצן פאָלק, אָדער אַפילו פאַר דעם גאַנצן אַרבעטער־קלאַס פון אַ פאָלק. ווי דער פּירנדיקער געדאַנק פון ווירקזאַמע מערהייטן פון באַזונדערע לענדער ווערט דער דאָזיקער אמת בּיסלעכווייז אויסקריסטאַליזירט פון די אָנגעזאַמלטע דערפאַרונגען פון קאַמף קעגן באַלדיקע און באַזונדערע אונטערדריקונגען, עקספּלואַטאַציעס, גרויזאַמקייטן, קאַטאַסטראָפעס, מלחמה, — וואָס עס שיקט אויף זיי אָן דער מאָנאָפּאָל־קאַפּיטאַליזם און די צעשטערנדיקע כחות, געבוירן פון קאַפּיטאַליזם.

דער היסטאָרישער מאָמענט, אין וועלכן מיר לעבן איצט, קריגט זיין כאַראַקטער פון דעם אויפשטייג פון פאַשיזם, ווי אַ קאָנקרעטער אויסדרוק פון דער פוילנדיקער הערשאַפט פון מאָנאָפּאָל־קאַפּיטאַל און איר פאַרוואַנדלונג אין אַן אינסטרומענט פאַר דער פאַרניכטונג פון דער גאַנצער מענטשלעכער קולטור, ווי דאָס איז צו זען אין דעם ביישפּיל פון אַלוועלטלעכן פאַשיזם. דאָס איז די קאָנקרעטע פאָרם פון דעם וועלט־קריזיס פון קאַפּיטאַליזם, זיין

צוזאַמענברוך, — דער אָנהויב פון „דעם לעצטן קאַמף” אויף אַ וועלט־מאַסשטאַב.

הונדערטער מיליאָנען מענטשן, אַרבעטנדיקע מאַסן, גאַנצע פעלקער אין זייער גרויסער מערהייט זיינען טיף־באַוואוסטזיניק וועגן דער געפאַר פון פאַשיזם, פון מלחמה, מיט וועלכער פאַשיסטישע מלוכות דראָען און וועלכע הענגט ווי אַ שווערער וואָלקן איבער דער גאַנצער וועלט. זיי זיינען גרייט צו קעמפן פאַר דער פאַרטיידיקונג פון די אַלע זאַכן, וואָס מאַכן דאָס לעבן גליקלעך, פריידיק, באַדייטונגספול און ווערטפול — די אַלע בעסטע שאַפונגען פון מענטשלעכער קולטור — און זיי ווייסן, אַז פאַשיזם מוז פאַרניכטעט ווערן, אַניט וועלן די דאָזיקע זאַכן פאַרשווינדן פון דער וועלט. אָבער בלויז אַ פאַרהעלטניסמעסיק קליינע מינדערהייט — און באַזונדער איז דאָס ריכטיק בנוגע אַמעריקע — פאַרשטייט אין דער מינדסטער מאָס, אַז די פולשטענדיקע לייזונג פון זייערע פּראָבלעמען קאָן קומען בלויז דורך סאָציאַליזם. זיי זיינען גרייט צו קעמפן פאַר דעמאָקראַטיע, פאַר קולטור, פאַר בירגערלעכע רעכט, פאַר אַלע גוטע זאַכן אין לעבן, וואָס זיי קענען זיי פון זייער אייגענער דערפאַרונג און ווילן זיי באַשיצן פון דער געפאַר פון פאַשיסטישער דיקטאַטור און מלחמה. זיי זיינען אָבער נאָך ניט גרייט אין אַ נענוג גרויסער צאָל צו קעמפן פאַר אַ נייער געזעלשאַפטלעכער סיסטעם, וואָס זי אַליין קאָן גאַראַנטירן די אַלע זאַכן און זייער פולער אַנטוויקלונג.

אויב מיר זאָלן דערלויבן די דעמאָקראַטישע מאַסן צו זיין האָפענונגסלאָז צעטיילט אַזוי, אַז די, וואָס ווילן סאָציאַליזם, זאָלן באַקעמפן די, וואָס ווילן בלויז אָפּשטעלן דעם פאַשיזם, — דעמאָלט האָט דער פאַשיזם געוואונען אַ מורא'דיקן פאָרצוג אין זיין אומדערבאַרעמדיקן דראַנג צו מאַכט. דעמאָלט וועלן די צוויי גרופּן געפינען איינהייט בלויז אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן פון אַ בלוטיקער דיקטאַטור פון מאָנאָפּאָל־קאַפּיטאַל, אין שותפות מיט דער קרימינעלער אונטערוועלט. דאָס איז זיכער ניט דער בעסטער וועג פון צוגרייטן אַ פאָלק צו סאָציאַליזם.

דער רינג, אָן וועלכן עס דאַרפן זיך היינט־צו־טאָג אָנכאַפּן אַלע קאָמוניסטן, אַלע אמת'ע סאָציאַליסטן, איז דער רינג, וואָס קאָן אונז צום נאָענטסטן באַהעפטן מיט די ברייטע מאַסן אין זייערע דרינגענדיקסטע באַדערפענישן. דער דאָזיקער רינג איז די איינדיקייט פון אַלע דעמאָקראַטישע, אַלע אַנטי־פאַשיסטישע מענטשן. צו באַזיגן דעם פאַשיזם, — דאָס איז די פאָר־באַדינגונג פאַר אַ צוקונפטיקן סאָציאַליזם. און ס'איז גרינגער צו באַזיגן דעם פאַשיזם איידער ער קומט צו מאַכט, ווי דערנאָך. און אַ דירעקטער זיג פון סאָציאַליזם איבער פאַשיזם איז מעגלעך נאָר דעמאָלט, ווען די מערהייט פון פאָלק האָט שוין אָנגענומען דעם סאָציאַליזם.

אונזער פּאַרטיי האָט פאַר זיך די העכסט־וויכטיקע אויפגאַבע פון זיכערן די איינדיקייט פון דעם דעמאָקראַטישן פראָנט און גלייכצייטיק — די פרייסטע אַנטוויקלונג פון סאָציאַליסטישן געדאַנק און פאַרשטענדעניש צווישן די אַרבעטער און די אַרבעטנדיקע מאַסן בכלל.

דאָס פאָדערט, אַז מיר זאָלן זיין אין דעם פאָר־פראָנט פון די דעמאָקראַטישע רייען, קעמפנדיק אויף דעם ווירקזאַמסטן אופן פאַר די צילן, וואָס מיר האַלטן אָן געמיינשאַפטלעך מיט דעם גאַנצן דעמאָקראַטישן פראָנט פון דער מערהייט פון פאָלק. דאָס פאָדערט אָבער אויך, אַז מיר זאָלן זיין גוטע קאָמוניסטן, אין דעם זין פון מער און בעסער באַהערשן די טעאָריע פון מאַרקסיזם־לעניניזם, פון טיפער פאַרשטיין די היסטאָרישע כחות און זייערע קאָנקרעטע פאָרמען פון אַנטוויקלונג אין אונזער לאַנד.

„טעאָריע”, — האָט סטאַלין געזאָגט, — ווערט די גרעסטע קראַפט אין דער באַוועגונג פון אַרבעטער־קלאַס, ווען זי איז ענג פאַרבונדן מיט פּראַקטיק; ווייל זי (די טעאָריע), און בלויז זי, קאָן געבן דער באַוועגונג זעלבסט־צוטרוי, פירערשאַפט און אַ פאַרשטענדעניש וועגן דעם אינערלעכן צונויפבונד פון געשעענישן; ווייל בלויז זי קאָן מעגלעך מאַכן פאַר די, וואָס זיינען פאַרטאָן אין דעם פּראַקטישן קאַמף, צו פאַרשטיין דעם „פון וואַנען” און דעם „וואוהין” פון דער באַוועגונג פון אַרבעטער־קלאַס.”

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז די מענטשלעכע פאַרקערפּערונג פון דער מאַרקסיסטיש־לעניניסטישער טעאָריע. איר וואוקס אין אָרגאַניזאַציע און נאָך מער — אין איינפלוס איז אַ באַווייז פון דער מעכטיקייט פון אונזער טעאָריע. די דאָזיקע טעאָריע האָט עס מעגלעך געמאַכט פאַר אונז פאָראויסצוזען געשעענישן, אַזוי אַז מיר זאָלן קאָנען מאַכן וויכטיקע בייטראָגן צום וואוקס פון דער אַרבעטער־באַוועגונג פון אונזער צייט; די טעאָריע אונזערע האָט דאָס מעגלעך געמאַכט פאַר אונז צו זיין די ווירקזאַמסטע קראַפט פאַר טרעיד־יוניאָן איינייקייט און סאָלידאַריטעט; די טעאָריע אונזערע האָט פאַר אונז מעגלעך געמאַכט צו אויסקריסטאַליזירן צום ווינציקסטן אַן אָנהויב פון אַ מעכטיקן דעמאָקראַטישן פראָנט אין אונזער לאַנד. אונזער טעאָריע איז דאָס דער וועג־ווייזער, וואָס מאַכט מעגלעך פאַר אונז שוין איצט אָנצואווייזן מיט פּינקטלעכקייט די הויפּט־ליניעס פון די פּאָליטישע שלאַכטן פון 1940 און דורכדעם צו געבן ריכטונג צום געדאַנק און די אַקציעס פון מיליאָנען אַמעריקאַנער אויף דעם וועג צו די וויכטיקסטע.צילן.

מיר מוזן אָבער זאָגן, אַז אונזער פּאַרטיי איז ווייט ניט גענוג באַוואָפנט מיט טעאָרעטישער פאַרשטענדעניש. מיר מוזן היינט־צו־טאָג שטעלן פאַר זיך די אויפגאַבע צו ליקווידירן אָט־די קנאַפּקייט. דער לאָזונג פאַר יעדן קאָמוניסט דאַרף זיין: באַהערשן די מאַרקסיסטיש־לעניניסטישע טעאָריע. בלויז דאָס קאָן אונז צוגרייטן פאַר די קומענדיקע שאַרפע קערן, פאַר די קאַטאַסטראָפישע געשעענישן און ענדערונגען און די שווערע, קריטישע שלאַכטן, צו וועלכע די וועלט ווערט געטריבן. דאָס איז דאָס וויכטיקסטע וואָרט, וואָס מיר מוזן היינט־צו־טאָג זאָגן וועגן אונזער פּאַרטיי.

אַנומעלטן, ווען איך בין געווען אין קאַליפאָרניע, איז מיר צוגעטיילט

געווארן די העפלעכקייט פון אן איינלאדונג פאר א ראדיא־אינטערוויו דורך דזש. פראנק בוירק, אייגנטימער און פארוואלטער פון דער ראדיא־סטאנציע און א באקאנטער און איינפלוסרייכער פראגרעסיסט אין קאליפארניע. אין דעם משך פון דעם אינטערוויו האט בוירק מיר געשטעלט זייער אן אינ־טערעסאנטע פראגע. ער האט געוואלט וויסן דאס פאלגענדע: אזוי ווי די קאמוניסטן זיינען אזעלכע איבערגעגעבענע און ווירקזאמע אונטערשטיצער פון די פראגרעסיווע צילן, רעפארמען און אפילו קאנדידאטן פון דעם „נייעם דיל”, — וואלט דען ניט געווען בעסער אויפצולייזן די קאמוניסטישע פארטיי און אריינטרעטן ווי א מאסע אין דער דעמאקראטישער פארטיי, וואו מיר וואלטן אויך געקאנט פארשפרייטן אונזערע סאציאליסטישע אידייען אין קא־אפעראציע מיט סאציאליסטיש־געניגטע דעמאקראטן? איך וואלט וועלן איצט עטוואס אויסברייטערן דעם ענטפער, וואס איך האב דעמאלט געגעבן אויף דער דאזיקער פראגע.

פאר קאמוניסטן און די, וואס באזיצן א געוויסע מאס טעארעטיש וויסן, איז דער ענטפער, נאטירלעך, געווען קלאר. איך האב אבער אין זינען די מיליאנען פון אונזערע איצטיקע און צוקונפטיקע פריינט און פארבינדעטע, פאר וועמען עס זיינען ניט אינגאנצן איבערצייגנדיק די ענטפערס, וואס פאר קאמוניסטן זייען זיי קלאר און ענדגילטיק. יענע מענטשן דארפן מיר איבער־צייגן מיט ווארט און טאט ניט בלויז אין דעם, אז מיר, קאמוניסטן, זיינען גראד דער סארט מענטשן, מיט וועמען זיי דארפן קאאפערירן און וועמעס הילף זיי דארפן באגריסן; מיר דארפן זיי אויך איבערצייגן, אז אונזער ווערט אין דעם געמיינשאפטלעכן קאמף ווערט פארגרעסערט אויף הונדערט מאל אזוי פיל גראד דורכדעם, וואס מיר זיינען ארגאניזירט אין דער קאמו־ניסטישער פארטיי. מיר דארפן באווייזן אויף דעם גרונט פון קאנקרעטע פאקטן, אז די עקזיסטענץ פון דער קאמוניסטישער פארטיי איז א מעכטיקער הילף־מיטל פאר דעם זיג פון די דעמאקראטישע כחות. בלויז אזוי ארום קאנען מיר איינשטעלן צופרידנשטעלנדיקע פראקטישע פארהעלטענישן מיט אונזערע פארבינדעטע אין דעם דעמאקראטישן פראנט.

מיר האבן אן אוצר ביישפילן, קליינע און גרויסע, אויף צו באווייזן די ריכטיקייט פון אט־דעם געדאנק אפילו פאר די גרעסטע סקעפטיקער. כ'וואלט, צום ביישפיל, געקאנט געווען אנווייזן בוירקן' אז ווען ניט די עקזיסטענץ פון דער קאמוניסטישער פארטיי, וואלט איך קוים געקאנט געווען האבן דעם פארגעניגן זיך צו טרעפן מיט אים ביי אזא געלעגנהייט, און די ראדיא־צוהערער וואלטן ניט געקאנט געווען הערן דעם סטימולירנדיקן אינטערוויו. אדער — איבערגייענדיק צו גרעסערע זאכן — מיר קאנען זיך פאררופן אויף די וואלן פון 1938 אין ניו יארק סטעיט. די 100,000 קאמוניסטישע שטימען האבן דארט פארקירעוועט דעם שטראם פאר דעם געמיינשאפטלעכן גאווערנאר־קאנדידאט פון דער דעמאקראטישער פארטיי און די ארבעטער, האבן באזיגט דעם רעפובליקאנער פרעזידענט־קאנדידאט פאר 1940, מר. דיואי, און מעגלעך געמאכט פאר גאווערנאר לעימאן צו זאגן אויף דער סטעיט־קאנווענשאן פון

דער א..פ. און ל. צוריק מיט א פאר וואכן, אז ניו יארק איז דער אנגעזעענסטער סטעיט, וואס האט אויסגעהאלטן די רעאקציאנערע כוואליע אין לאנד און האט באשיצט זיין פראגרעסיווע געזעצגעבונג. מר. דיואי און דער גאנצער טארי־לאגער האבן אפשר געגוג גרונט צו ווינטשן, אז די קאמוניסטישע פארטיי זאל אויפגעלייזט ווערן, ווי א רעזולטאט פון דער דאזיקער דערפארונג; אבער זיכער איז, אז יעדער פראגרעסיווער מענטש מוז ציען בלויז גינסטיקע שלוסן בנוגע אונזער פארטיי ווי א רעזולטאט פון דער דאזיקער דערפארונג. אויב פראגרעסיווע פירער פון דעם מער קאנסערוואטיוון שניט טרייסטן זיך מיט דעם געדאנק, אז זיי וואלטן געוועז געקראגן יענע שטימען נישט געקוקט אויף דער קאמוניסטישער פארטיי און איר פאליסי, צי אז זיי וואלטן געקאנט געוועז קריגן יענע שטימען גרינגער אן דער קאמוניסטישער פארטיי, איז דאס בלויז א ביישפיל פון „וואונטש־געדאנק" און פון פולשטענדיקער בלינדקייט בנוגע דער וואקסנדיקער קאמפליצירטקייט פון אמעריקאנער פאליטיק. אן דער קאמוניסטישער פארטיי וואלטן יענע הונדערט טויזנט ניו יארקער שטימען געווען איבערגעלאזט געווארן צו דעם גנאד פון אלערליי צעשטערערישע דעמאגאגן, — פון פאטער קאגלין ביז צו די טראצקיסטן, נישט פארגעסנדיק דערביי נארמאן טאמאס׳ן און די סאציאליסטישע פארטיי, וואס האבן אזוי פלייסיק בייגעטראגן צו דעם פארזוך צו דערוויילן דיואי׳ן.

יעדער פראגרעסיווער מענטש קאן זיך איבערצייגן פון זיינע אייגענע דערפארונגען, אז די קאמוניסטישע פארטיי ווי אן ארגאניזאציע, — און ניט בלויז אירע מיטגלידער באזונדער, — איז א נויטיקער כח אין די באלדיקע שלאכטן, אויב עס איז וויכטיק, אז די דאזיקע שלאכטן זאלן זיך ענדיקן מיט א זיג פאר דעם פראגרעסיוון לאגער. אמעריקאנער פראגרעסיסטן און דעמאקראטן הויבן אן באנעמען די לעקציע, וואס האט אין כינע געפירט צו דער ווידער־פאראייניקונג פון דעם קואמינטאן און דער קאמוניסטישער פארטיי נאך צען יאר בירגער־קריג; וואס האט אין טשילי געבראכט א מפלה פאר דער רעאקציע און די דערוויילונג פון א פאלקס־פראנט פרעזידענט; וואס האט אין שפאניע מעגלעך געמאכט פאר דער רעפובליק אויסצוהאלטן צוויי און א האלב יאר קעגן דער פאשיסטישער אינטערווענציע. ס׳איז א לעקציע, וואס ווייזט, אז די קאמוניסטישע פארטיי איז אן אומבאדינגט־נויטיקער פארבינדעטער אין דעם קאמף פאר דעמאקראטיע, פרייהייט און פרידן; א לעקציע, אז די קאמוניסטישע פארטיי איז די לאיאליסטע און אומעגאאיסטישסטע, ווען עס קומט צו פארטיידיקן די אלגעמיינע צילן ביז צום סוף, אפילו ביזן טויט; א לעקציע, וואס באווייזט, אז די אלע, וואס קעמפן כלומרשט „סיי קעגן קאמוניזם און סיי קעגן פאשיזם", ענדיקן שטענדיק ווי באוואוסטזיניקע אדער אומבאוואוסטזיניקע אגענטן און פארבינדעטע פון פאשיזם.

דער טארי־לאגער אין אמעריקע מאכט ווירקלעך אויסערגעוויינטלעכע אנשטרענגונגען אנצובינדן דירעקט אדער אינדירעקט דעם בראנד־מארק פון אומגעזעצלעכקייט אדער, צום ווינציקסטן, פון אפיציעלן פארדאכט אויף דער

קאָמוניסטישער פּאַרטיי. די צייטונגען ווערן אָנגעפּילט מיט מעשיות, וואָס ווידערהאָלן די לעגענדע, אַז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פּריידיקט „די שטירצונג פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג דורך גוואַלד־מאַכט״. זיי אונטערדריקן אינ־גאַנצן דעם אינהאַלט פון אונזער פּאַרטיי־קאָנסטיטוציע, וואָס פאַרפליכטעט ספּעציפיש און גענוי יעדן מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי צו באַ־קעמפן אַזוינע באַגריפן, — אַ קאָנסטיטוציע, וואָס איז פייערלעך אָנגענומען געוואָרן איינשטימיק אויף אַ קאָנווענשאָן פון דער פּאַרטיי און איז נאָכדעם איינשטימיק ראַטיפיצירט געוואָרן דורך אַ רעפערענדום־אָפּשטימונג פון דער מיטגלידערשאַפט. זיי באַהאַלטן אינגאַנצן פון דעם עולם די אמת׳ע מאָטיוון, צוליב וועלכע עס ווערן געפירט די צעיושעטע אַטאַקעס קעגן אונז: דער פאַקט, אַז מיר זיינען ענערגישע און ווירקזאַמע אונטערשטיצער פון די פּראָ־גרעסיווע פּאַליסים פון דעם „נייעם דיל״ און פון פּרעזידענט און אַז מיר העלפן פאַרשטאַרקן און פאַראייניקן די אַרבעטער־באַוועגונג. זיי פּרוּוון כאַפּן אונזער פּאַרטיי אויף טעכנישע קליינינקייטן, וואָס דער עולם פאַרשטייט זיך נישט אויף זיי, אָדער צו מאַניפּולירן מיט ווייניק־באַקאַנטע אָדער שלעכט־פאַרשטאַנענע טערמינען פון דער ליטעראַטור פון וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם און גיבן די דאָזיקע טערמינען אַ פאַרקערטן טייטש.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז אָבער אַ לעגאַלע אַמעריקאַנער פּאָליטישע פּאַרטיי און האָט בדעה צו פאַרטיידיקן אָט־דעם סטאַטוס אירן קעגן אַלע אַטאַקעס. אין די לעצטע עטלעכע יאָר האָבן מיר אויסגעפונען, צווישן אַנדערע זאַכן, ווי אַזוי זיך צו פאַרטיידיקן קעגן די דאָזיקע אַטאַקעס פון אונזערע שונאים. אונזער קאָנסטיטוציע איז אַ פולשטענדיקער ענטפער קעגן יעדער מיסרעפּרעזענטירונג און פאַרלוימדונג; און די קאָנסטיטוציע גיט אונזער נאַציאָנאַלער קאָמיטע די אויטאָריטעט צו אַמענדירן זי לויט ווי עס קאָן נויטיק זיין דורך נייע לעגאַלע אַטאַקעס קעגן אונז, כדי צו באַשיצן דעם פולן לעגאַלן סטאַטוס פון אונזער פּאַרטיי. צוליב דער דרינגענדער וויכטיקייט פון דער דאָזיקער פראַגע אין פאַרבינדונג מיט די קאַמפּן פון דער וואַל־קאַמפּאַניע פון 1940 און צוליב דער זיכערקייט, אַז נייע אַטאַקעס וועלן געמאַכט ווערן אין די קומענדיקע חדשים, איידער אונזער נאַציאָנאַלע קאָמיטע וועט זיך ווידער פאַרזאַמלען, שלאָג איך פאָר, אַז די איצטיקע פּלענאַרע סעסיע פון דער נאַציאָנאַלער קאָמיטע זאָל אָננעמען אַ פאָרמעלע רעזאָלוציע, וואָס זאָל אויטאָריזירן די פּאָליטישע קאָמיטע אָנצונעמען אַלע מיטלען, וואָס זי קאָן געפינען פאַר נויטיק, כדי צו פאַרטיידיקן דעם פולשטענדיקן לעגאַלן סטאַטוס פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, איינשליסנדיק אַמענדמענטס צו דער פּאַרטיי־קאָנסטיטוציע, מיט דער זעלביקער פולמאַכט און אויטאָריטעט, ווי דאָס וואָלט געטאָן די נאַציאָנאַלע קאָמיטע גופא, און אַז דאָס זאָל געטאָן ווערן אין נאָמען פון דער נאַציאָנאַלער קאָמיטע.

אין דער דזיקער פאַרבינדונג איז עס מיין פליכט אייך צו אינפאָרמירן וועגן אַ געוויסער קאָרעספּאָנדענץ צווישן דער פּאַרטיי און באַאַמטע אין וואַשינגטאָן בנוגע געוויסע אַטאַקעס קעגן אונז. נעמענדיק אין אַכט דעם

שריט פון קאָנגרעסמאַן דאַיעז, וואָס האָט, לויט די באַריכטן אין די צייטונגען, אויפגעפאָדערט דעם יוסטיץ־דעפּאַרטמענט אָנצוקלאָגן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי לויטן געזעץ פון יוני 1938, וואָס שרייבט פאָר, אַז „אַגענטן פון אויסלענדישע פּרינציפּאַלן" זאָלן זיך רעגיסטרירן אין סטעיט־דעפּאַרטמענט, האָב איך אַדרעסירט אַ בריוו צו אַטוירני־דזשענעראַל מוירפי דעם 17טן אַפּריל, 1939, אין וועלכן איך האָב דערקלערט, אַז מיסטער דאַיעז'עס קלאָגן זיינען אַבסורד, נאָר אַזוי ווי זיי זיינען געמאַכט געוואָרן פון אַ קאָנגרעסמאַן, פאַר־לאַנגען מיר אַ געלעגנהייט פאַרצוברענגען די געהעריקע פאַקטן פאַר דעם יוסטיץ־דעפּאַרטמענט, אויב דער דעפּאַרטמענט האָט בדעה אָנצונעמען וועלכע ס'איז שריט. איך האָב געקראָגן דעם פאָלגענדן ענטפער דעם 24טן אַפּריל:

„דער דעפּאַרטמענט באַשטעטיקט, אַז ער האָט געקראָגן אייער בריוו פון 17טן אַפּריל, 1939, אין וועלכן איר פאַררופט זיך אויף אַ סטעיט־מענט אין דעם זין, אַז קאָנגרעסמאַן מאַרטין דאַיעז, ווי דער פאָרזיצער פון דער קאָנגרעס־קאָמיטע צו אונטערזוכן אומאַמעריקאַנישע טעטיקייטן, האָט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון דעם דעפּאַרטמענט צו זיין קלאַגע, אַז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון אַמעריקע פאַרטרעט אַן אויסלענדישע מאַכט און אַז לויטן געזעץ דאַרפן פאַרטרעטער פון אייער פּאַרטיי זיך רעגיסטרירן ביים סטעיט־סעקרעטערי.

„עס ווערט פאַרנאָטירט, אַז איר באַהויפּטעט, אַז די דאָזיקע קלאַגע איז אָן אַ גרונט און אַז איר פאָדערט אַ געלעגנהייט פאָרצולייגן פאַר דעם דעפּאַרטמענט די פאַקטן, וואָס זיינען אייך באַקאַנט.

„אייער פאַרלאַנג וועט גענומען ווערן אין באַטראַכט און אויב עס זאָל געפונען ווערן פאַר נויטיק, וועט איר קריגן די פולע מעגלעכקייט פאַרצוברענגען פאַר דעם דעפּאַרטמענט די פאַקטן, וואָס איר באַזיצט.

מיט אַכטונג,

פאַר דעם אַטוירני־דזשענעראַל,

בראַען מעקמען,

אַסיסטענט אַטוירני־דזשענעראַל.

אין יוני האָט אַ ניו יאָרקער פאַרטרעטער פון דעם יוסטיץ־דעפּאַרטמענט, מיסטער סטאַר, באַזוכט מיין אָפיס צו מאַכן אָנפראַגן וועגן דעם עצם פון דער דאָזיקער קאָרעספּאָנדענץ. כאָטש ער האָט, קאָנטיק, ניט געוואוסט וועגן דעם בריוו־אויסטויש, וואָס איז פאָרגעקומען, נעם איך אָן, אַז זיין באַזוך איז געווען אַ רעזולטאַט פון דעם דאָזיקן אויסטויש. מיר האָבן געמאַכט צו־גענגלעך פאַר מיסטער סטאַר אינגאַנצן די פאַראַנענע ליטעראַטור און דאָקו־מענטן פון דער פּאַרטיי, וואָס האָבן, לויט אונזער מיינונג, געקענט האָבן וועלכע עס איז שייכות צום ענין; מיר האָבן פאַרבראַכט אַ סך שעה'ן ענטפערנדיק אויף זיינע דעטאַליזירטע פראַגן וועגן יעדן מעגלעכן ווינקל. חוץ מיר האָט חבר פאָסטער און זיבן אָדער אַכט אַנדערע חברים געהאַט

אינטערוויום מיט מיסטער סטאר, אריינגערעכנט יעדן איינעם, וואס ער האט אויסגעדריקט א פארלאנג זיך מיט אים צו טרעפן.

מיר האבן נישט געקראגן קיין אינפארמאציע וועגן די שלוסן, אויב עס זיינען דא אזעלכע, צו וועלכע דער יוסטיץ־דעפארטמענט איז געקומען ווי א רעזולטאט פון דער דאזיקער אויספארשונג. אבער אין אנהויב אויגוסט האט חבר פאסטער און איך, ווי טשערמאן און גענעראל־סעקרעטאר פון דער פארטיי, געקראגן די זעלביקע בריוו פון דעם סטעיט־דעפארטמענט, דאטירט יולי 28, 1939, וואס האבן זיך געלייענט ווי פאלגט:

„מיין טייערער מיסטער בראודער:

„עס ווערט איינגעשלאסן פאר אייער אינפארמאציע א קאפיע פון די „רולס ענד רעגולעישאנס", וואס האבן צו טאן מיט דער רעגיסטראציע פון אגענטן פון אויסלענדישע מלוכות לויט דעם אקט פון קאנגרעס, וואס איז גוטגעהייסן געווארן דעם 8טן יוני, 1938. אויב אייערע טעטיקייטן זיינען אזעלכע, ייאס פאדערן, אז איר זאלט זיך רעגיסטרירן ביים סטעיט־סעקרעטערי לויט די פונקטן פון דעם דאזיקן אקט און די „רולס ענד רעגולעישאנס" וואס זיינען ארויסגעגעבן געווארן אונטער דעם אקט, זאלט איר צושטעלן א רעגיסטראציע סטעיטמענט אויף א גע־העריקער פארם. עטלעכע בלאנק־פארמען פון רעגיסטראציע סטעיט־מענטס זיינען איינגעשלאסן פאר אייער נוצן, אויב איר דארפט זיך רעגיסטרירן.

„איך וואלט דאס אפגעשאצט, ווען איר זאלט אין יעדן פאל, נאכ־דעם ווי איר האט דערהאלטן אט־דעם בריוו, אונז אינפארמירן, אויב איר אדער די קאמוניסטישע פארטיי דא אין לאנד זייט יא אדער ניט דער אגענט פון וועלכן ס'ניט איז אויסלענדישן פרינציפאל לויט דעם טייטש פון דעם אויבן־דערמאנטן אקט, צי איר קריגט קאמפענסאציע אדער איר זייט אונטער דער דירעקציע פון אזא אויסלענדישן פרינציפאל.

אויפריכטיק אייערער,

פאר דעם סטעיט־סעקרעטערי:

(דזשאזעף ס. גרין, טשיף, דיוויזשאן אוו קאנטראלס)."

אויף דעם דאזיקן בריוו האט חבר פאסטער און איך געשיקט דעם פאלגנדן ענטפער אין די זעלביקע ווערטער:

„אויגוסט 2, 1939.

„מיסטער דזשאזעף ס. גרין,
„טשיף, דיוויזשאן אוו קאנטראל,
„סטעיט דעפארטמענט,
„וואשינגטאן, ד. ס.

„טייערער מיסטער גרין:

„אייער בריוו פון יולי 28 מיט די איינגעשלאסענע מאטעריאלן

געהעריק באַקומען מיט דעם פאַרלאַנג וועגן אינפאָרמאַציע, אויב איך אָדער די קאָמוניסטישע פּאַרטיי דאָ אין לאַנד בין יאָ אָדער ניט דער אגענט פון אַן אויסלענדישן פּרינציפּאַל, לויט דעם זין פון דעם געהעריקן אַקט פון קאָנגרעס.

„מיט אַ צייט צוריק, ווען מיר זיינען אינפאָרמירט געוואָרן, אַז קאָנגרעסמאַן מאַרטין דאיעז האָט אויפגעהויבן די פראַגע וועגן דער רעגיסטראַציע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אונטער דעם דאָזיקן אַקט, האָב איך געשריבן צו אַטוירני־דזשענעראַל מורפי, אינפאָרמירנדיק אים, אַז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי באַטראַכט זיך ניט אונטערוואָרפן צו די פּונקטן פון יענעם אַקט און פאַרלאַנגענדיק פון אים, אויב ער באַטראַכט די פראַגע פאַר וויכטיק, צו דערלויבן אונז פאַרצוברענגען די פאַקטן פאַר זיין דעפּאַרטמענט. נאָכדעם האָבן מיר געהאַט אַ באַגעגעניש מיט אַן אגענט פון דעם דעפּאַרטמענט און אים צוגעשטעלט אַלע געהעריקע מאַטעריאַלן און געענטפערט אויף אַלע זיינע פראַגן.

„ענטפערנדיק אויף אייער פאַרלאַנג אינפאָרמיר איך אייך דערמיט, אַז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז ניט קיין אגענט פון קיין אויסלענדישער מלוכה, קריגט ניט קיין קאָמפּענסאַציע און איז ניט אונטער דער דירעקציע פון אַזאַ פּרינציפּאַל לויט דעם זין פון דעם אויבן־דערמאָנטן אַקט. דער זעלביקער ענטפער איז גילטיק וועגן מיר פּערזענלעך. אויב איר זאָלט פאַרלאַנגען מער ספּעציפישע אינפאָרמאַציע, וועל איך זיין צופרידן אייך דאָס צוצושטעלן.

„דער דאָזיקער בריוו איז געלייענט און גוטגעהייסן געוואָרן דורך דער פּאָליטישער קאָמיטע פון דער נאַציאָנאַלער קאָמיטע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון די פאַראייניקטע שטאַטן, וואָס האָט די אויטאָריטעט צו רעדן פאַר דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

אויפריכטיק אייערער,
(אונטערגעשריבן) אוירל בראַודער,
גענעראַל־סעקרעטאַר, קאָמוניסטישע פּאַרטיי
פון די פאַראייניקטע שטאַטן."

פון די דאָזיקע דאָקומענטן איז צו זען, אַז קיין אויטאָריטאַטיווער דעפּאַרטמענט אָדער באַאַמטער האָט ניט־גענומען קיין שטעלונג צו די קלאָגן פון קאָנגרעסמאַן דאיעז, אַז די פראַגע איז בלויז פאַרנאָטירט געוואָרן און אַז דער פאָרמעלער ענטפער פון אונזער פּאַרטיי איז אוועקגעלייגט געוואָרן אין די רעגירונגס־אַרכיוון. מיר מעגן האָפן, אַז דאָס וועט זיין דער סוף פון אָט־דעם ספּעציעלן אבסורד, כאָטש מיר קענען ניט דערוואַרטן, אַז דאָס וועט מאַכן אַ סוף צו אָט־דעם ספּעציעלן סאָרט אַטאַקעס קעגן אונז.

איך דאַרף אייך אינפאָרמירט ווערן, אַז אין מאַי בין איך פּריוויליק דערשינען פאַר דעם לאָיער פון דער דאיעז־קאָמיטע, מיסטער רעי וויטלי, און געענטפערט אויף זיינע פראַגן אין דעם משך פון אַ סך שעה׳ן. שפּעטער האָב

איך געקראָגן דעם פאָלגענדן בריוו פון דער דאַיעז־קאָמיטע, דאַטירט אויגוסט 24, 1939:

„טייערער מיסטער בראַודער:

„אַזוי ווי איר האָט פריער געהאַט אויסגעדריקט אַ פאַרלאַנג אויפ־צוטרעטן פאַר דער דאָזיקער קאָמיטע, זייט איר געבעטן צו קומען אין צימער 531, אָלד האַוז אָפיס בילדינג, וואַשינגטאָן, ד. ס., 10 אַזייגער אין דער פרי, מאָנטיק, אויגוסט 28, 1939, צו וועלכער צייט איר וועט קריגן די געלעגנהייט אויפצוטרעטן.

„אויב עס זאָל געמאַכט ווערן וועלכע ס'איז ענדערונג אין דער אויבן־אָנגעגעבענער צייט, וועל איך אייך באַלד טעלעגראַפירן.

(אונטערגעשריבן) רעי וויטלי."

איך האָב באַלד זיך פאַרבונדן מיט מיסטער וויטלי דורכן טעלעפאָן און אָנגענומען די איינלאַדונג אויף דער אָנגעגעבענער צייט מיט דער באַדינגונג, אַז איך זאָל קאָנען אָוועקפאָרן דעם 29טן, כדי צו קומען קיין שיקאַגאָ צו דעם פלענום. איך האָב געקראָגן אַ טעלעגראַפישע באַשטעטיקונג אין נאָמען פון דער קאָמיטע, אַז זי שטימט צו דערויף. אָבער דעם שבת איידער איך האָב געדאַרפט אויפטרעטן פאַר דער קאָמיטע, האָט די דאַיעז־קאָמיטע גופא, נאָכדעם ווי זי האָט געמאָלדן אין די צייטונגען וועגן מיין אויפטריט, מיר גע־שיקט אַ טעלעגראַמע, אָפלייגנדיק דעם פאַרהער אויף אַן אומבאַשטימטער צייט, אָבער אָנגעבנדיק אין די צייטונגען, אַז דער פאַרהער איז אָפגעלייגט געוואָרן אויף מיין פאַרלאַנג. דאָס איז ניט אמת. איך האָב ניט פאַרלאַנגט, אַז מיין אויפטריט זאָל אָפגעלייגט ווערן. ווען איך בין געקומען קיין שיקאַגאָ, האָב איך געקראָגן נאָך אַן אויפפאָדערונג פון דער דאַיעז־קאָמיטע אויפצו־טרעטן דעם 5טן סעפטעמבער, כאָטש די קאָמיטע איז אינפאָרמירט געוואָרן מיט אַ צייט צוריק וועגן מיינע דעטאַלירטע פלענער און האָט געוואוסט, אַז די דאָזיקע אויפפאָדערונג צעשטערט אַלע פלענער, וואָס איך האָב געמאַכט פאַר מיין אַרבעט. פראָטעסטירנדיק קעגן דער אומהעפלעכקייט צו אַ פריווי־וויליקן עדות, האָב איך פונדעסטוועגן אינפאָרמירט די דאַיעז־קאָמיטע, אַז איך וועל קומען ווי זי פאַרלאַנגט, דעם 5טן סעפטעמבער.

מיר קענען אויסנוצן די אַלע אַטאַקעס קעגן דער קאָמוניסטישער פאַרטיי פאַר אַ נוצלעכן צוועק, אויב זיי וועלן ווייטער העלפן צו באַטאָנען פאַר יעדן מיטגליד די נויטיקייט זיך צו באַוואָפענען מיט אַ פולשטענדיקער באַהערשונג פון אונזער פאַרטיי־טעאָריע, פאַרטיי־פראָגראַם און פאַרטיי־טאַקטיק, אַזוי אַז אפילו די קונציקסטע פראָוואָקאַציעס זאָלן אים ניט קענען צעטומלען אָדער אים פאַרפלאָנטערן אין וועלכע ס'איז טראָצקיסטישע אָפנויגן.

פאַרהעלטעניש פון דער פאַרטיי מיט דער טרעיד־יוניאָן באַוועגונג

די קאָמוניסטישע פאַרטיי, ווי אַ פאַרטיי פון אַרבעטער־קלאַס, מוז

נויטיקערווייז זיין ערנסט באַשעפטיקט מיט די גרויסע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס פון די אַרבעטער, זייער הויפּט־קוואַל פון מאַכט און פאָרשריט, זייער הויפּט־קוואַל פאַר סאָלידאַריטעט, — די טרעיד־יוניאָנס. אונזער פּאַרטיי האָט שוין לאַנג פאַרשטאַנען, אַז בלויז דורך אינטימער באַקאַנטשאַפט מיט די טרעיד־יוניאָנס און זייערע פּראָבלעמען, דורך אומדערמידלעכער הילף צו די טרעיד־יוניאָנס און זייערע קאַמפן און דורך אַלץ טיפערע קאָאָפּעראַטיווע פאַר־העלטענישן מיט זיי קאָנען מיר זיין דערפאָלגרייך אין אונזערע פונדאַמענטאַלע פּאָליטישע אויפגאַבן.

דער דאָזיקער פונדאַמענטאַלער אינטערעס פון אונזער פּאַרטיי אין דער טרעיד־יוניאָן באַוועגונג ווערט פאַרלוימדט און פאַרקריפּלט דורך די שונאים סיי פון אונזער פּאַרטיי און סיי פון די יוניאָנס, כדי עס זאָל זיך שאַפן דער איינדרוק, אַז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי זוכט צו באַהערשן די יוניאָנס דורך אַ דרויסנדיקער מאַכט. אָן אַ שיר אַטאַקעס זיינען געמאַכט געוואָרן קעגן באַזונדערע יוניאָנס אין די לעצטע עטלעכע חדשים אויף אויפגעבלאָזענע און פאַלשע קלאַנגען פון „קאָמוניסטישע פּאַרטיי באַהערשונג”. דאָס האָט דער־גרייכט צום העכסטן פּונקט ווען אין דעם פּרעים־אָפּ פאַרזוך צו דעפּאָרטירן הערי ברידזשעס האָט אַ לאָיער מיטן נאָמען סאַפּיראָ עדות געזאָגט, אַז איך זאָל כלומרשט האָבן צוגעזאָגט צו „געבן די שטרענגסטע אָרדערס” צו ברידזשעס'ן, ווי אַ פּאַרטיי־מיטגליד, אַז ער זאָל טאָן דאָס און דאָס אין טרעיד־יוניאָן פראַגן. די ספּעציעלע פראַגע וועגן ברידזשעס'ן ווערט אויפ־גענומען אין דעם פאַרהער פאַר „דין” לאַנדיס, און עס איז פאַר מיר ניט נויטיק זיך אָפּצושטעלן דערויף, סיידן איך זאָל ווידערהאָלן דאָס, וואָס איר ווייסט גאַנץ גוט, — אַז הערי ברידזשעס, וואָס פאַר זיין פירערשאַפט אין דער אַרבעטער־באַוועגונג האָבן מיר דעם גרעסטן רעספּעקט, איז ניט און איז ניט געווען קיין מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, כאָטש ער האָט אַלע רעכט דאָס צו זיין און קיינער טאָר אים דערפאַר ניט פאַרפאָלגן, אויב און ווען ער זאָל קומען צו אַ פולשטענדיקער פּאָליטישער איינשטימיקייט מיט אונזער פּראָגראַם, וואָס דאָס איז פולשטענדיק געזעצלעך און איז ניט קעגן וועלכן ס'איז פעדעראַלן אָדער סטעיט געזעץ. אָבער די פראַגע, וואָס איז אַזוי שאַרף אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין דעם פאַלשן עדות־זאָגן ביים ברידזשעס־פאַרהער, מעג דינען ווי אַ געלעגנהייט אויף צו דערקלערן נאָכאַמאָל די שטעלונג פון דער פּאַרטיי צו טרעיד־יוניאָנס און זייער פירערשאַפט.

אונזער פּאַרטיי האָט געמאַכט אַ סך ענדערונגען און קערן אין איר שטעלונג צו באַזונדערע סטראַטעגישע און טאַקטישע פראַגן אין שייכות צו טרעיד־יוניאָנס. מיר האָבן אָבער אין דעם משך פון אַ לאַנגער צייט אַנטשיידן אָפּגעוואָרפן און וואַרפן־אָפּ די טעאָריע און די פּראַקטיק, אַז די פּאַרטיי זאָל מאַכן באַשלוסן פאַר טרעיד־יוניאָנס אָדער וועלכע עס איז מאַסן־אָרגאַניזאַציעס ; אַז פּאַרטיי־פירער זאָלן „געבן אָרדערס" אָדער „אינסטרוקציעס" צו אירע מיטגלידער, וואָס פאַרנעמען פירנדיקע פּאָזיציעס אין יענע אָרגאַני־זאַציעס אָדער אויף וועלכן ס'איז אופן פּרואוון באַשטימען „פון דרויסן" די

באשלוסן אדער האנדלונגען פון אזוינע ארגאניזאציעס. אין די לעצטע יארן האבן מיר ארויסגעגעבן בלויז איין „פארטיי־ארדער" צו אונזערע מיטגלידער אין די טרעיד־יוניאנס, און דאס איז געווען אן ארדער, וואס האט זיי פאר־באטן צו פרואוון אנווענדן פארטיי־דיסציפלין אפילו פון גרופן, וואס באַ־לאנגען צו א געוויסער מאסן־ארגאניזאציע, ווי א מיטל צו דערגרייכן א פאראייניקטע שטעלונג דורך ריין־ארגאניזאציאנעלע מיטלען, באשטייענדיק דערויף, אז איניקייט מוז דערגרייכט ווערן דורך די דעמאקראטישע פראצעסן אין דער יוניאן גופא.

ניין יאר ווי איך בין סעקרעטאר פון אונזער נאציאנאלער ארגאניזאציע, און קיין איין מאל אין די ניין יאר האב איך ניט געגעבן אדער געפרואווט געבן וועלכע ס'איז „ארדערס" אדער „אינסטרוקציעס" און ניט גערעדט מיט קיינעם אויף אזא שפראך וועגן פראגן, וואס האבן צו טאן מיט פראבלעמען אדער באשלוסן פון א טרעיד־יוניאן אדער אן אנדער מאסן־ארגאניזאציע. אויב די קאמוניסטישע פארטיי וואקסט אין איינפלוס אין דער ארבעטער־באוועגונג, און דאס איז זיכער א פאקט, איז דאס געמאכט געווארן מעגלעך ניט בלויז דערפאר, וואס אונזערע עצות צו די ארבעטער זיינען בארעכטיקט און באשטעטיקט געווארן דורך דעם לעבן גופא, נאר אויך דערפאר, וואס מיר גיבן קיינמאל ניט אזוינע עצות אין דער פארם פון „ארדערס" אדער „אינסטרוקציעס", און פארלאזן זיך שטענדיק אויף דער ריכטיקייט פון אונ־זערע ארגומענטן, אויף דער קראפט פון לאגיק.

ס'איז ניטא קיין ביישפיל, וואו די קאמוניסטישע פארטיי ארבעט אויף אן אנדער אופן, סיידן אפשר צוריק מיט יארן, ווען די טראצקיסטן און לאוו־סטאניסטן האבן נאך אלץ געארבעט אין די רייען פון אונזער פארטיי און האבן פארקריפלט איר אנטוויקלונג. אבער די טראצקיסטן און לאווסטאניסטן זיינען אויסגעראמט געווארן מיט אן אייזערנעם בעזים, און די רעשטלעך פון זייער איינפלוס זיינען שוין לאנג פארשוואונדן. ווי שנעל זייער סארט פירערשאפט דורך „ארדערס" פארניכטעט זיך אליין, איז אויף א דראמאטישן אופן אילוסטרירט געווארן דורך דער „קאריערע" פון לאווסטאנ'ס פרא־טעזשע, האמער מארטין, וואס זיין בליץ־שנעלער אויפשטייג האט זיך גע־ענדיקט מיט פונקט אזא שנעלער מפלה. די קאמוניסטישע פארטיי איז שוין לאנג א געשווארענער שונא פון אזא סארט פירערשאפט, פון פירערשאפט דורך „ארדערס", פירערשאפט דורך „אינסטרוקציעס", צי אין אונזער פארטיי גופא, צי אין ברייטע מאסן־ארגאניזאציעס, — פון זינט מיר האבן אנגעהויבן אויף אן אמת'ן צו באהערשן די לערע פון מארקס, ענגעלס, לענין און סטאלין.

דער צוויפלהאפטער לאיער האט, הייסט עס, אריבערגעשאסן דעם ציל מיט זיין עדות־זאגן אין דער ברידזשעס־קעיס און האט באוויזן זיין אייגענע פאלשקייט אין די אויגן פון יעדן מענטשן, וואס האט געהאט וועלכע עס איז דירעקטע דערפארונג אין פראקטישער ארבעט מיט דער קאמוניסטישער פאר־טיי. זוידער דינט עס אונז ווי א געלעגנהייט קלאר צו מאכן פאר אונזערע אייגענע מיטגלידער, פאר אונזערע פריינט און פארבינדעטע, אין וואס

עס באַשטייט ווירקלעך דער ריכטיקער לעניניסטיש־סטאַליניסטישער מעטאָד פֿון אַרבעט צווישן די מאַסן און אין זייערע אָרגאַניזאַציעס.

ווי אַזוי אונזער פּאַרטיי בויט איר אײַזערנע דיסציפּלין

קיין אַנדער אָרגאַניזאַציע איז ניט אַזוי דעמאָקראַטיש אין איר אינערלעכן לעבן און אין אירע באַציאונגען מיט די מאַסן, ווי די קאָמוניסטישע פּאַרטיי. יענע מענטשן, וואָס פֿאַר זיי מיינט „דעמאָקראַטיש" דאָס זעלביקע ווי „אָרדענונגסלאָז" אָדער „צעשפּליטערט", זעען אַ פּאַטאַלן ווידערשפּרוך צווישן אָט־דער דערקלערונג און דעם פֿאַקט פֿון אומפֿאַרמגלייכלעכער אײניקייט פֿון געדאַנק און אַקציע, וואָס עקזיסטירט צווישן די קאָמוניסטן, און פֿון דער „אײַזערנער דיסציפּלין", מיט וועלכער מיר שטאָלצירן. אַזאַ מענטש קאָן פֿאַרשטיין דיסציפּלין און אײניקייט בלויז ווי עפּעס אַזוינס, וואָס ווערט אַרויפֿגעצוואונגען פֿון אויבן דורך מאַכט־מיטלען. מיט אַזאַ באַגריף וועגן דיסציפּלין קאָנען זיי קיינמאָל ניט פֿאַרשטיין די קאָמוניסטישע פּאַרטיי.

אונזער פּאַרטיי איז אַ גאַנץ פֿרייוויליקע געזעלשאַפֿט פֿון יחידים מיט געמיינשאַפֿטלעכע אידייען און צילן, וואָס שטימען איין צו אַרבעטן צוזאַמען אויף אַ פֿאַראייניקטן אופֿן אין די אינטערעסן פֿון אַ געמיינשאַפֿטלעכער זאַך, צו אַרבעטן צוזאַמען אויף אַן אופֿן, וואָס איז דעמאָנסטרירט געוואָרן פֿון לענינען און סטאַלינען לויטן בײַשפּיל פֿון דער זיגרייכער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. דאָס איז אַ פּאַרטיי פֿון אַ נײַעם טיפּ. קיינער ווערט ניט אַרײַנגענומען פֿאַר אַ מיטגליד ביז די פּאַרטיי איז זיכער, אַז ער טיילט אָט־די פֿונדאַמענטאַלע אָנשויאונגען, וואָס פֿאַראייניקן די פּאַרטיי, און קיינער איז נישט געצוואונגען צו זײַן אַ מיטגליד צוליב וועלכער ס'ניט איז אורזאַך. ווען דער אינדיווידועלער מיטגליד געפֿינט, צוליב וועלכער עס איז אורזאַך, אַז ער קאָן ניט שטימען מיט אָט־דער פֿרייוויליקער געזעלשאַפֿט, איז ער פֿריי זי צו פֿאַרלאָזן. און ווען די פּאַרטיי פֿילט, אַז אַן איינצלנער מיטגליד איז אַ פֿרעמדער עלעמענט אין אירע רייען, איז זי פֿריי אים אויסצושליסן. עס איז ניטאָ קיין שום צוואַנג אין אַזאַ פֿאַרהעלטעניש. זי איז פֿריי אויף בײדע זײַטן, אויף דער זײַט פֿון דער קאָלעקטיווער קערפּערשאַפֿט פֿון דער פּאַרטיי און אויף דער זײַט פֿון די איינצלנע מיטגלידער. אינעווייניק אין דער דאָזיקער געזעלשאַפֿט געפֿינען מיר דעם דעמאָקראַטישן פּראָצעס פֿון דיסקוסיע און באַשלוס, וואָס ווערט אָנגעווענדט ווי אַן אינסטרומענט אויף צו בויען אײניקייט פֿון געדאַנק און אַקציע, וואָס דריקט זיך אויס אין דער אַזוי־גערופֿענער „אײַזערנער דיסציפּלין פֿון דער פּאַרטיי".

דער דאָזיקער טיפּ פֿון פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע איז ניט די אייגנטימלעכע אַנטדעקונג פֿון די אַמעריקאַנער קאָמוניסטן. מיר האָבן זיך דערוואוסט וועגן דעם פֿון דעם בײַשפּיל פֿון דער פּאַרטיי פֿון לענין און סטאַלין, פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פֿון סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, און פֿון דער לערער פֿון אָט־די צוויי גרויסע פֿירער. סטאַלין האָט פֿולשטענדיק פֿאַרגאַנצט אָט־דעם באַגריף וועגן דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין די גרויסע דיסקוסיעס פֿון 1925-

1926, וואָס האָבן באַזיגט און באַזייטיקט דעם איינפלוס פון טראָצקי, זינאָוויעוו, בוכארין און די איבעריקע, וואָס זיינען שפּעטער אויפגעדעקט געוואָרן ווי אַגענטן פון פאַשיזם. עטלעכע ציטאַטן פון סטאַלינ׳ס ווערק וועלן אונז העלפן פאַרטיפן און פאַרשאַרפן אונזער דערקלערונג וועגן דער דאָזיקער פראַגע.

„די אויטאָריטעט פון דער פּאַרטיי״, — האָט סטאַלין געזאָגט, — „ווערט אָנגעהאַלטן דורך דעם צוטרוי פון דעם אַרבעטער־קלאַס. דער צוטרוי פון דעם אַרבעטער־קלאַס קאָן ניט געוואונען ווערן דורך מאַכט, ווייל דאָס באַנוצן זיך מיט מאַכט וואָלט צעשטערט דעם צוטרוי. דער צוטרוי קאָן געוואונען ווערן בלויז דעמאָלט, ווען די פּאַרטיי־טעאָריע איז אַ געזונטע, ווען די פּאַרטיי־פּאָליטיק איז אַ ריכטיקע, ווען די פּאַרטיי איז איבערגעגעבן דער זאַך פון דעם אַרבעטער־קלאַס און ווען די פּאַרטיי איז ענג פאַרבונדן מיט די מאַסן פון אַרבעטער־קלאַס און ווען די פּאַרטיי איז גרייט און פּויאיק צו איבערצייגן די מאַסן, אַז אירע לאָזונגען זיינען די ריכטיקע.״

סטאַלין זאָגט ווייטער:

„ביידן די דאָזיקע באַדינגונגען ווערן דערפילט, איז די „אויטאָריטעט פון דער פּאַרטיי״ און „די אייזערנע דיסציפּלין פון דעם אַרבעטער־קלאַס״ ניט מער ווי לײדיקע פראַזן, ניט מער ווי אַ פּוסטע באַרימעריי.״

נאָכדעם ווי ער גיט אָן עטלעכע קאָנקרעטע ביישפּילן וועגן דעם, ווי אַזוי די סאָוועטישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט דורכגעפירט (און אָנגעהאַלטן) די דאָזיקע באַדינגונגען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד אין דעם גאַנג פון דער רעוואָלוציע, זאָגט סטאַלין ווייטער:

„איצט לאָמיר באַטראַכטן אַן אַנדער מעגלעכקייט. לאָמיר אָננעמען, אַז צוליב דער פּאָליטישער אָפּגעשטאַנענקייט פון דעם אַרבעטער־קלאַס רופט ניט אַרויס די פּאַרטיי־פּאָליטיק (אַפילו אויב זי איז אַ ריכטיקע אין אַלגעמיין) דעם אַלגעמיינעם צוטרוי אָדער קריגט ניט די אַלגעמיינע שטיצע; לאָמיר אָננעמען, אַז די פּאַרטיי האָט נאָך ניט באַוויזן צו איבערצייגן דעם אַרבעטער־קלאַס, אַז איר פּאָליטיק איז אַ געזונטע, ווייל די צייט איז נאָך ניט רייף, ווי מען זאָגט. זאָל אין אַזאַ פאַל די פּאַרטיי נעמען אַן אַנטשיידנדיקע איניציאַטיווע? זאָל די פּאַרטיי פּרוּוון געבן אַ שטאַרקע ווענדונג צו די אַקציעס פון די מאַסן? ניין, געוויס ניט! אין אַזוינע פאַלן, אויב די פּאַרטיי זאָל זיין ווירקזאַם אין איר פירערשאַפט, מוז זי וויסן ווי אַזוי צו וואַרטן, ביז זי האָט איבערצייגט די מאַסן, אַז איר פּאָליטיק איז אַ געזונטע, זי מוז העלפן די מאַסן דאָס אויסגעפינען דורך זייער אייגענער דערפאַרונג.״

סטאַלין ציטירט דערנאָך לענינ׳ס ווערטער, געשריבן אין 1920:

„קיין רעוואָלוציע איז ניט מעגלעך אָן דער ענדערונג אין די אָנשויאונגען פון דער מערהייט פון אַרבעטער־קלאַס. אַזאַ ענדערונג פון

אַנשוויאונגען ווערט געשאַפן צווישן די מאַסן דורך פּאָליטישער דער־פאַרונג.

„דער פּראָלעטאַרישער אוואַנגאַרד איז אַריבערגעוואונען געוואָרן אויף דער זייט פון אונזערע אידייען. דאָס איז די הויפּט־זאַך. ביז דאָס איז דערגרייכט געוואָרן, קאָנען מיר ניט מאַכן אַפילו דעם ערשטן שריט צום זיג. דער אוואַנגאַרד קאָן ניט זיגן אָן הילף. עס וואָלט געווען ערגער ווי אַ פעלער, עס וואָלט געווען אַ פאַרברעכן צו שיקן דעם אוואַנגאַרד אין דער קאַמף־ליניע איידער דער קלאַס ווי אַ גאַנצער (די ברייטע מאַסן) איז גרייט אים צו שטיצן, אָדער צום ווינציקסטן גרייט אַרויסצואווייזן גינסטיקע נייטראַליטעט און איז פולשטענדיק אַנטשלאָסן ניט אַריבער־צוגיין צום שונא. אָבער פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע אַליין וועלן ניט זיין גענוג צו פאַרזיכערן, אַז מען זאָל זיך קאָנען פאַרלאָזן אויף דעם קלאַס ווי אַ גאַנצן, אויף די ברייטע מאַסן פון די, וואָס אַרבעטן און זיינען עקספּלואַטירט פון קאַפּיטאַליזם. און דאָס האָבן די מאַסן געמוזט האָבן געלערנט דורך זייער אייגענער פּאָליטישער דערפאַרונג.״

די דאָזיקע ווערטער האָבן אַ ספּעציעלע און באַצווינגענדיקע באַדייטונג פאַר אונז אַמעריקאַנער קאָמוניסטן היינט־צו־טאָג, אין פאַרבינדונג מיט אונ־זער גאַנצער פּאָליסי פון דעם איצטיקן פּעריאָד, אַזוי גוט ווי מיט אונזער באַגריף וועגן דער פּאַרטיי אין אַלגעמיין און אירע פאַרהעלטענישן מיט די מאַסן. און די פאָלגנדיקע ווערטער סטאַלינ׳ס, אָנגעווענדט אויף אַן אַנדער לאַנד און צייט, אַנטשפּרעכן פולשטענדיק אונזער אייגענעם מאָמענט אין אַמעריקע, ווען ער זאָגט:

„דער איצטיקער מאָמענט איז אַ מאָמענט, אין וועלכן ס׳איז מער ווי ווען עס איז נויטיק פאַר אונז צו האָבן גוט אין זינען די דאָזיקע געפאַרן, אין אַ צייט ווען די פּאָליטישע טעטיקייט פון די מאַסן ווערט גרעסער. איצט באַזונדער מוז די פּאַרטיי זיין גרייט צו שענקען נאָענטע אויפמערקזאַמקייט צו דער שטים פון די מאַסן; זי מוז האָבן אַ פיינעם אויער פאַר זייערע פאָדערונגען; זי מוז אַרויסווייזן גרויס פאָרזיכטיקייט און אַ באַזונדערע עלאַסטישקייט אין איר פּאָליטיק. איצט, מער ווי ווען עס איז, וועט די פּאַרטיי־פירערשאַפט פון די מאַסן אויסגעשטעלט ווערן צו געפאַר, אויב קאָמוניסטן זאָלן ליידן פון געשוואָלענע קעפּ. לאָמיר קיינמאָל ניט פאַרגעסן לענינ׳ס גאָלדענע ווערטער אויף דעם 11טן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר: „צווישן די מאַסן פון פאָלק זיינען מיר קאָמו־ניסטן בלויז טראָפּנס אין דעם ים, און מיר קענען ניט רעגירן סיידן מיר גיבן פּינקטלעכן אויסדרוק צו דעם פאָלק־באַוואוסטזיין."

אויב מיר דאַרפן האָבן אַ שווידערלעכן ביישפּיל פון דעם, וואָס עס מיינט פאַר אַ פּאָליטישער פּאַרטיי אוועקצוגיין פון די דאָזיקע פּרינציפּן, וואָס לענין און סטאַלין האָבן זיי אַזוי קלאָר אויסגעדריקט, לאָמיר נאָר אַ קוק טאָן אויף דעם קלאָגעדיקן חורבן פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אונטער

גאָרמאַן טאָמאַס, נישט געקוקט אויף אַלע זיינע פּלוידערייען וועגן „סאָציאַליזם" „פּאַרטיי־דיסציפּלין" און אַז. וו. אָדער, ווי אַ מער עקסטרעמען בייּשפּיל, לאָמיר אַ קוק טאָן ווי אַזוי די טראָצקיסטישע סעקטן זיינען געוואָרן די דירעקטע הילף־אַגענטורן פון פּאָטער קאָגלינ׳ס פּאַשיסטישער טעטיקייט און פון פּאַשיזם און רעאַקציע בכלל.

אונזער פּאַרטיי וואַקסט, אירע באַציאונגען מיט די מאַסן ווערן פּאַרטיפט, איר איינפלוס פּאַרשפּרייט זיך, איר מיטגלידערשאַפט איז מער אָנגעשטאָלט, איר דיסציפּלין איז פעסטער גראָד דערפאַר, וואָס אונזער פּאַרטיי ווי אַ גאַנצע האָט באַנומען די פונדאַמענטאַלע לערע פון מאַרקסיזם־לעניניזם און לערנט זיך אויס ווי אַזוי שעפעריש צו אַנטוויקלען די לערע אין דער באַזונדערער היסטאָרישער און פּאָליטישער סביבה פון אַמעריקע אין דעם איצטיקן מאָמענט פון וועלט־געשיכטע.

אַלע אַמעריקאַנער וואָס ליבן פרידן, וואָס האַסן פּאַשיזם, וואָס האַסן אונטערדריקונג, זיינען שולדיק אַ חוב פון דאַנקבאַרקייט צו דעם זשעני פון לענין און סטאַלין, וועלכע האָבן געשאַפן די גרויסע פעסטונג פון פרידן, קולטור, דעמאָקראַטיע און סאָציאַליזם — דעם סאָוועטן־פּאַרבאַנד, דעם איינציקן פעסטן פונקט אין אַ וועלט, וואָס ווערט אויפגעטרייסלט דורך ריזיקע שטורעמס. באַזונדערס פילן די אַמעריקאַנער קאָמוניסטן די טיפסטע ליבע און איבערגעבנהייט צו סטאַלינ׳ען, — וואָס זיין ביישפּיל און לערע האָט אונז געפירט דורך די פעלזן, וועלכע האָבן אין פריערדיקע דורות צעשמעטערט די אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישע באַוועגונג; זיי האָבן אונז אַרויסגעפירט אין דעם אָפענעם ים פון אַמעריקאַנער לעבן, — צו סטאַלינ׳ען, וועלכער איז דער פירער פון דער פּראָגרעסיווער מענטשהייט אין דעם קאַמף פאַר פרידן און קעגן פּאַשיזם.

אין דעצעמבער, 1939, וועט יאָזעף סטאַלין אַלט ווערן 60 יאָר. מיר וועלן זיך פּאַרשאַפן כבוד, אויב מיר וועלן באַשליסן צו פייערן דעם יובילייּ פון אָט־דעם פולן און פרוכטבאַרן לעבן דורך אָנגעמען אַנטשיידנדיקסטע שריט פאַר מער גרינטלעכן שטודיום, כדי צו פּאַרשטיין און באַהערשן די טיפע חכמה, וואָס האָט געבראַכט די זיגרייכע גרינדונג פון סאָציאַליזם אויף אַ זעקסט־חלק פון דער ערד, די חכמה, וואָס איז אונז געגעבן געוואָרן אין די שריפטן פון סטאַלין און באַזונדער אין דער „געשיכטע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון סאָוועטן־פּאַרבאַנד". מיר האָבן פּאַרשפּרייט 100,000 עקזעמפּלאַרן פון דער „געשיכטע" אויף דער ענגלישער שפּראַך און נאָענט צו 50,000 אין אַנדערע שפּראַכן. דאָס איז גוט, ס׳איז אויסגעצייכנט, אָבער ס׳איז בלויז אַן אָנהויב. איצט — צום שטודיום, צו דער באַהערשונג פון טעאָריע, צו דער אָנווענדונג פון אונזער טעאָריע אין דעם לעבן פון אַמעריקאַנער אַרבעטער־קלאַס און דעם אַרבעטנדיקן פאָלק בכלל, — דאָס איז דער וועג צו בויען אונזער פּאַרטיי, דער וועג צום זיג פון דעם אַמעריקאַנעם פאָלק איבער רעאַקציע, דער וועג פאַר אַמעריקאַנער אָנטייל אין דער מפּלה פאַר דעם אַלוועלטלעכן פּאַשיזם, דער וועג צו דעמאָקראַטיע און סאָציאַליזם.

.4

סומירונג

איך רעכן, חברים, אַז איך קען רעדן זייער קורץ. בלויז עטלעכע באַטראַכטונגען און דעמאָלט — די סומירונג פון די הויפּט־„אישום" פון טאָג, ווי מיר קענען זיי סומירן אין דער פאָרם פון לאָזונגען. קודם־כל, אַ וואָרט וועגן דער אַרבעט פון אונזער פּאַרטיי אין די איצטיקע טעג. איך בין געווען זייער גליקלעך צו הערן חבר קראָמבאַינ׳ס באַריכט פון ניו יאָרק; דער דיסטריקט־אָפיס האָט אָנגעשטעלט אַ טאָפּלטן סטעפּ אויף צו אויפנעמען די טעלעפאָן־רופן פון די סעקציעס און ברענטשעס, וועלכע פאַרלאַנגען די לעצטע אינפאָרמאַציע, פרעגן זיך נאָך וועגן פּלענער פאַר אַרבעט און וועגן ליטעראַטור. די גאַנצע מיטגלידערשאַפט איז אין גאַס, גייט פון הויז צו הויז, פאַרטיילט מאַלאָטאָוו׳ס רעדע און דעם „דעילי וואָרקער". די גרויסע נאָכפראַגע איז אויף אָנווייזונג, פּירערשאַפט, מאַטעריאַלן. די נאָכפראַגע איז גרעסער ווי דער אָנבאָט. עס איז קלאָר, פאַרוואָס מיר דאַרפן זיך נעמען צו דער אַרבעט, ווען מיר קומען אַהיים, אַזוי שנעל ווי מעגלעך.

נאָך אַ באַמערקונג. איינע פון די געפאַרן, וואָס שטייט פאַר אונז אין די טעג, איז די געפאַר, אַז דער דרוק פון די דאָמינירנדיקע „אישוס" זאָל אונז מאַכן פאַרזען אָדער פאַרנאַכלעסיקן אַנדערע לעבנס־וויכטיקע פּראָבלעמען. צום ביישפּיל, אונטער אַזוי־גערופענע נאָרמאַלע באַדינגונגען וואָלט איינער פון די צענטראַלע פּונקטן פאַר דיסקוסיע אויף דעם דאָזיקן צוזאַמענקונפט פון אונזער נאַציאָנאַלער קאָמיטע געווען דער קומענדיקער לאַנדסטרייק פון די שלאַכט־הויז אַרבעטער, וועגן וועלכן מיר האָבן דאָ בלויז גערעדט. לאָמיר ווידער דערמאָנען דעם דאָזיקן סטרייק, צוליב זיין אייגענער וויכטיקייט און ווי אַ ביישפּיל פון דעם טיפּ פּראָבלעמען, צו וועלכע מיר מוזן זיין סענסיטיוו, וועגן וועלכע מיר מוזן האַנדלען שנעל און געבן זיי די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט.

די לייזונג פון די אַלוועלטלעכע פּאָליטישע פּראָבלעמען איז באַזירט אויף אַזוינע פּראָבלעמען ווי אָט־דער סטרייק פון די שלאַכט־הויז אַרבעטער. די דאָזיקע לייזונג איז אויך באַזירט אויף דער קלענסטער דעטאַליזירטער אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט, צו וועלכער עס דאַרף געשענקט ווערן די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט. עס טאָר ניט זיין קיין נאַכלעסיקייט אָדער לויזקייט אין אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט און באַזונדער אין פּאַרטיי־בויאונג. מיר שלאָגן ניט פאָר קיין רעקרוטיר־קאַמפּאַניע פאַר דער פּאַרטיי, ווייל מיר פילן, אַז די באַדינגונגען פאַר פּאַרטיי־בויאונג זיינען זוי גינסטיק, אַז קיין קאַמפּאַניע איז

ניט נויטיק און קאן נאך אפשר צוריקהאלטן דעם פראצעס פון בויען די פארטיי. מיר וועלן פארגרעסערן אונזערע רייען מיט יעדן שריט פאראויס און מיר ווילן דאס אריינדריקן אין דעם באוואוסטזיין פון דער פארטיי, אזוי אז פארטיי־בויאונג זאל ווערן אומפארמיידלעך א באגלייטונגס־דערשיינונג פון אלצדינג, וואס מיר טוען.

אין די איצטיקע טעג קאנען מיר בויען פעסטער ווי אין געוויינטלעכע צייטן, ווייל פון שעה צו שעה האבן מיר די אויספרובירונג פון רעקרוטן, וואס מיר ברענגען אריין. דער אקט גופא פון זייער אנשליסן זיך, ווי זיי וועלן דאס טאן מער און מער, ווען די פולע קראפט פון אונזער פאליטישן וואָרט וועט דעריגרייכן צום לאנד, וועט אין זיך גופא זיין א גוטע פראבע, כפעציעל אין די ערשטע שטופן.

נאכמער, דאס איז די צייט, אין וועלכער מיר שטעלן צו דער פראבע דעם פירנדיקן פערסאנאל פון אונזער באוועגונג און פון ארבעטער־ארגאניזאציעס בכלל. מיר מוזן דורכשטודירן אלע פירנדיקע קאדרען פון דער באוועגונג, פון אויבן ביז ארונטער. מיר מוזן פארצייכענען די, וואס קומען פאראויס שטארק, וואס גיבן ווירקלעכע, קלארע, דרייסטע צוטרוילעכע פירערשאפט. מיר מוזן אויך פארזיכטיק באמערקן די, וואס זיינען הינטערשטעליק, וואס ווייזן ארויס שוואכקייטן. ערשטנס, כדי זיי צו העלפן און צווייטנס כדי צו מאכן זיכער, אז די פארטיי זאל ניט ארויפלייגן קיין גרויסע פאראנטוואָרטלעכקייט דארט, וואו עס איז דא א געפאר פון צוזאמענברוך, אז די פאראנטוואָרטלעכקייטן פון פירערשאפט זאלן גיין אויף די פלייצעס פון די, וואס באוויזן אין לעבן, אז זיי זיינען פייאיק צו טראגן די שווערע פאראנטוואָרטלעכקייט.

מיר מאכן דורך ערנסטע צייטן ניט בלויז פאר אייראפע נאר אויך פאר אמעריקע. דער פאליטישער באראמעטער אין לאנד וועט אנהויבן שנעל שטייגן. היינט שרייען אלע עפנטלעכע שטימען: „נאציאנאלע איינקייט", און דאס וועט זיין א פאפולערער לאזונג, ווייל ער דריקט אויס די טיף־געפילטע באדערפעניש צווישן דעם פאלק. דאס פאלק פאדערט נאציאנאלע איינקייט, און אין דעם איצטיקן מאמענט זיינען אלע שטימען אנגעשלאסן אין דער פאדערונג, — פון הערבערט הואווער ביז דעם פלענום פון דער קאמוניסטישער פארטיי.

אבער ווי איך האב פריער אנגעוויזן, שטעקט הינטער דעם לאזונג פון נאציאנאלער איינקייט, ווי ער איז אויפגעהויבן געווארן פון די הואווערס, די וואלטער ליפמאנס און די מארקס סאליוואנס, די געפאר קעגן נאציאנאלער איינקייט; זיי זאגן, אז מיר מוזן האבן נאציאנאלע איינקייט, אבער — כדי צו קריגן זי, מוז דער פרעזידענט שאפן א ראט, וואס זאל קאנטראלירן זיינע באשלוסן, א ראט פון רעפובליקאנער, טארי־דעמאקראטן און ווי א קאנצעסיע — אויך פון דעם פרעזידענט'ס אנהענגער. דאס איז א פאדערונג, אז פרעזידענט רוזוועלט זאל איבערגעבן דעם פאסטן פון פירערשאפט אין לאנד צו זיינע שונאים, אז ער זאל אויפגעבן די פאליסים, צוליב וועלכע

דאָס פאָלק האָט אים געגעבן אַ מאַנדאַט, אַז דאָס איז דער פּרייז פאַר נאַציאָנאַלער אייניקייט און אַז אויב דער פּרייז וועט ניט באַצאָלט ווערן וועט ניט זיין קיין נאַציאָנאַלע אייניקייט. אָט־די באַדייטונג פון דעם געשריי וועגן נאַציאָנאַלער אייניקייט, ווען דער דאָזיקער געשריי קומט פון די הויוועדס און די ליפמאַנס, מוז קלאָר געמאַכט ווערן פאַר די אַרבעטער און דעם לאַנד, און אין דער מאָס ווי די פאַלשקייט פון דעם געשריי, וועלכער קומט פון דעם טאָרי־לאַגער, וועט באַוויזן ווערן, וועט דער קאַמף פאַרשאַרפט ווערן, וועט די פּאָליטישע שטימונג פון אַמעריקאַנער פאָלק שנעל שטייגן.

אין די ברייטע אָפענע שטרעקעס פון דער וועסט רעדט מען שוין אָפן אין גראָבע און וואולגאַרע אויסדרוקן דאָס, וואָס דער טאָרי־לאַגער וועט אויסדריקן פאַר דעם מיטן פון יאָר 1940. חבר וואוד האָט מיר געגעבן נעכטן אַ נומער פון דער „טולסאַ דעילי וואָרלד" פון דעם 15טן אויגוסט. אויף דער עדיטאָריעלער זייט, אין צוויי פּאַראַלעלע קאָלומס, זייט ביי זייט, איז פאַראַן אַ פּראָפּאַגאַנדע־אַרטיקל פאַר „גאַרנער פאַר פּרעזידענט" און אין דעם צווייטן קאָלום הויבט זיך אָן אַן אַרטיקל מיט די ווערטער: „ס'איז שוין אַ לאַנגע צייט, זינט דאָס לאַנד האָט געהאַט אַ גוטן פּרעזידענט אַ דער־מאָרדעטן."

מיר האָבן געהאַט אַ געלעגנהייט אין דער פאַרגאַנגענהייט אָנצואווייזן אויף אָט־דער אַגיטאַציע פון גוואַלד־אַקטן קעגן דעם פּרעזידענט, און אין אַ גרויסער מאָס ווי אַ רעזולטאַט פון אונזערע אויפדעקונגען און אונזער פאַר־דאַמונג פון דער אַגיטאַציע, איז זי פאַרטריבן געוואָרן פון די עפנטלעכע צייטשריפטן און איז צוריק אַריינגעטריבן געוואָרן אין די קלוב־צימערן פון די רייכע לייט, וואו זי איז אַנטשטאַנען. די דאָזיקע אַגיטאַציע האָט ווידער געפונען אַ וועג צו די עפנטלעכע צייטשריפטן, וואָס דאָס איז אַ סימן פון די לײדנשאַפטן, וואָס ווערן אַרויסגערופן דורך דעם רעאַקציאָנערן לאַגער.

מיר דאַרפן ניט זיין איבערראַשט, וואָס די טאָריס זיינען געוואָרן די פּאַרטיי פון גוואַלד־מאַכט און אומאָרדענונג אין אַמעריקע. די טאָריס ווערן דאָס אַלעמאָל, ווען זיי קענען מער ניט האָבן די פולמאַכט צו באַשליסן פאַר זיך אַליין, וואָס עס איז אַזוינס געזעץ און אָרדענונג. מיר דאַרפן ניט זיין איבערראַשט, ווייל מיר לעבן אין אַ פּעריאָד פון דעם אַלגעמיינעם צוזאַמענ־בראָך פון דעם פונדאַמענט פון בורזשואַזע געזעצן און אָרדענונג; ניט בלויז די איצטיקע טעג, אין וועלכע מיר לעבן, נאָר אין דעם משך פון די לעצטע 25 יאָר איז די וועלט געווען אין אַ פּעריאָד פון צוזאַמענברוך פון דער אַלטער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג, אַ פּעריאָד פון דער פוילעניש און צו־זאַמענברוך פון אירע יסודות, מיט די קאַטאַסטראָפעס, קריזיסן, רעוואָלוציאָ־נערע אויפברויזן און מלחמות, וואָס קומען פאָר אין דעם איבערבוי פון דער געזעלשאַפט, ווי אַ רעזולטאַט פון דעם צוזאַמענגעבראָכענעם פונדאַמענט.

לענין האָט אונז געלערנט אָט־דעם פונדאַמענטאַלן פאַקט צוריק מיט אַ לאַנגער צייט, און כדי צו פאַרשטיין אים וואָס טיפער, דאַרפן מיר אָפּפרישן אונזערע מוחות דורך צוריקקערן זיך ווידער אַמאָל און ווידער אַמאָל צו די

בריליאַנטענע, דורכדרינגענדיקע רייד לעניג׳ס אין דעם פּעריאָד פון דער וועלט־מלחמה און באַלד נאָך דער מלחמה.

איך האָב אויסגעקליבן אַנדערהאַלבן זייטן פון לעניג׳ס ווערק, וואָס איך האָב ניט געזען אָפּט ציטירט, נאָר וואָס זעט אויס אין מיינע אויגן צו זיין דער בעסטער קורצער אויסצוג, וואָס איך האָב געקענט געפינען, אויף צו געבן אונז אַ כאַראַקטעריזאַציע פון די קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען, פאַר וועלכע מיר שטייען אין דעם איצטיקן פּעריאָד פון דער צוזאַמענברעכנדיקער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. דאָס איז אַן אויסצוג פון אַ רעדע, וואָס לעניג האָט געהאַלטן אין איינער פון די דיסקוסיעס איבער דער פראַגע פון דער פּראָגראַם פון דער סאָוועטישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין דעם יאָר 1918 אָדער 1919. די ציטאַטע אַנטהאַלט געוויסע אינערלעכע סימנים, אַז די רעדע איז געהאַלטן געוואָרן צום שלום פון אַ לאַנגער און אויסמאַטערנדיקער זיצונג, ווייל זי אַנטהאַלט עטלעכע זייער לאַנגע און פאַרוויקלטע זאַצן, גאָרנישט ווי לעניג׳ס מערסטע רעדעס. אָבער דער געדאַנק, וואָס איז דאָרט אויסגעדריקט, איז אַזוי קרישטאָל־קלאָר, וואָרפט אַזאַ ליכט אויף היינט־צו־טאָג, אַז איך האָב אויסגעקליבן אָט־די ציטאַטע גיכער ווי אַנדערע, מער באַקאַנטע, מער ציטירטע אויסדרוקן פון לענינען, כדי צו באַטאָנען איינעם פון די וויכטיקסטע אויספירן, וואָס מיר דאַרפן מאַכן אויף דעם דאָזיקן צוזאַמענקונפט. לעניג זאָגט:

„. . . דאָס איז די אַלגעמיינע פּערספּעקטיווע פון וועלט־געשיכטע, און די יסודות פון סאָציאַליזם טאָרן ניט פאַרגעסן ווערן, וואָס די וויטערדיקע געשעענישן פון דעם קאַמף זאָלן נישט זיין, וויפיל טיילווייז זיג־זאַגן עס זאָל ניט זיין נויטיק בייצוקומען (און עס וועלן זיין זייער אַ סך פון זיי — מיר זעען פון דערפאַרונג, וואָסערע ריזיקע פאַרדרייעגישן די געשיכטע פון דער רעוואָלוציע מאַכט און דערוויל בלויז אין אונזער לאַנד; די לאַגע וועט זיין אַ סך מער קאָמפּליצירט און וועט צוגיין אַ סך שנעלער. די שנעלקייט פון אַנטוויקלונג וועט זיין מער אימפּעטדיק און די פאַרדרייעגישן וועלן זיין מער קאָמפּליצירט, ווען די רעוואָלוציע וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַן אייראָפּייאישער רעוואָלוציע), כדי נישט צו פאַרלוירן ווערן אין די דאָזיקע זיג־זאַגן און פאַרדרייעגישן פון געשיכטע און איינצוהאַלטן די אַלגעמיינע פּערספּעקטיווע — כדי צו באַמערקן דעם רויטן פאָדעם, וואָס בינדט צונויף די גאַנצע אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם און דעם גאַנצן וועג פון סאָציאַליזם, וואָס זעט אויס פאַר אונז, גאַנץ נאַטירלעך, צו זיין דער גראַדער וועג און וואָס מיר מוזן אים שילדערן ווי אַ גראַדן וועג, כדי צו זען דעם אָנהויב ,די פאַרזעצייג און דעם סוף (איןווירקלעכן לעבן וועט ער קיינמאָל ניט זיין גראַד, ער וועט זיין אומגלויבלעך קאָמפּליצירט) — כדי ניט צו פאַרלוירן גיין אין די דאָזיקע פאַרדרייעגישן, כדי ניט צו פאַרלוירן גיין אין די דאָזיקע פּעריאָדן פון צוריקטריט, צוריקצוג, אָדער צייט־

ווייליקער נידערלאגע, אָדער ווען די געשיכטע צי דער שונא שטויסט אונז צוריק — איז דאָס וויכטיקסטע, לויט מיין מיינונג, דאָס וויכ־טיקסטע און דאָס טעאָרעטיש איינציק־ריכטיקע ניט ארויסצוואַרפן די אַלטע פונדאַמענטאַלע פּראָגראַם! ווייל מיר דאָ אין רוסלאַנד זיינען בלויז אין דער ערשטער איבערגאַנג־שטופע פון קאַפּיטאַליזם צו סאָציאַליזם.

„די געשיכטע האָט אונז ניט געשענקט די פרידלעכע באַדינגונגען, וואָס פאַר אַ געוויסער צייט זיינען זיי געווען טעאָרעטיש פאַרטראַכט און וואָס וואָלטן געווען געוואונטשן פאַר אונז און וואָלטן אונז דער־לויבט דורכצוגיין שנעל די דאָזיקע איבערגאַנגס־שטופן! מיר זעען גלייך וויפיל שוועריקייטן עס זיינען געשאַפן געוואָרן דורך דעם בירגער־קריג אין רוסלאַנד און ווי דער דאָזיקער בירגער־קריג ווערט דורכגעפלאָכטן מיט אַ גאַנצער ריי מלחמות! מאַרקסיסטן האָבן קיינמאָל ניט פאַרגעסן, אַז גוואַלד־מאַכט וועט זיין די אומפאַרמיידלעכע באַגלייטונג פון דעם צוזאַמענברוך פון קאַפּיטאַליזם אין זיין פולער מאָס און פון דעם געבורט פון אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט. און די דאָזיקע גוואַלד־מאַכט וועט ארומנעמען אַ היסטאָרישן פעריאָד, אַ גאַנצע עפּאָכע פון מלחמות פון פאַרשיידענע מינים — אימפּעריאַליסטישע מלחמות, בירגער־קריג אין לאַנד, די דורכפלעכטונג פון די ערשטע מיט די אַנדערע, נאַציאָנאַלע מלחמות, די באַפרייאונג פון די נאַציאָנאַליטעטן, וואָס זיינען אונטער־דריקט און צעטראָטן דורך די אימפּעריאַליסטן און די פאַרשיידענע קאָמ־בינאַציעס פון אימפּעריאַליסטישע מלוכות, וואָס וועלן אומפאַרמיידלעך שאַפן פאַרשיידענע אַליאַנצן איינע מיט די אַנדערע אין דער עפּאָכע פון ריזיקע שטאַט־קאַפּיטאַליסטישע און מיליטערישע טראַסטס און סינ־דיקאַטן. דאָס איז אַן עפּאָכע פון ריזיקע צוזאַמענברוכן, פון גרויסע מיליטערישע אַנטשיידונגען, פון אַגאַוולדזאַמען כאַראַקטער, פון קריזיסן. די עפּאָכע האָט זיך שוין אָנגעהויבן, מיר זעען דאָס קלאָר — ס׳איז בלויז דער אָנהויב.״

ענטפערנדיק די, וואָס האָבן אין 1918 נישט געקאָנט פאַרשטיין, ווי אַזוי דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט געקאָנט שליסן אַן אָפּמאַך מיט זיינע שונאים — אַ פראַגע, וואָס מאַטערט אַ סך אַמעריקאַנער ליבעראַלן, — האָט לענין געזאָגט:

„. . . איך דערמאָן זיך זייער קלאָר די סצענע ווען אין סמאָלני איז עס אויסגעפאַלן אויף מיין גורל צו דערלאַנגען אַן אַקט צו סווינהופ־וואוד, וואָס אויף רוסיש מיינט דאָס „שוויינענקאָפּ״ — דעם פאַרטרעטער פון דער פינלענדישער בורזשואַזיע, וואָס האָט געשפּילט די ראָל פון אַ הענקער. ער האָט פריינטלעך געדריקט מיין האַנט. מיר האָבן אויסגע־טוישט קאָמפּלימענטן. ווי אומאַנגענעם דאָס איז געווען! דאָס האָט אָבער געמוזט געטאָן ווערן, ווייל צו יענער צייט האָט די בורזשואַזיע

גענאַרט דאָס פאָלק, גענאַרט די אַרבעטער דורך אירע דערקלערונגען, אַז די מאָסקוויטער, די שאָוויניסטן, די גרויס־רוסן האָבן געוואָלט אונטער־דריקן די פינען. עס האָט געמוזט געטאָן ווערן."

לאָזונגען

איצט, חברים, לאָמיר סומירן די „אישום", וואָס מיר האָבן דיסקוטירט אויף דער דאָזיקער סעסיע, ווייל מיר מוזן זיי קריסטאַליזירן אין דער מעגלעך־איינפאַכסטער פאָרם, כדי צו ברענגען אונזער וואָרט צו די מעגלעך־ברייטסטע מאַסן. איך וויל פאַר אייך פאָרלייענען אַ ריי לאָזונגען, מיט עטלעכע קאָמענטאַר־ווערטער וועגן געוויסע פון זיי.

1. פאַר אַמעריקאַנער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער זיכערקייט.

דאָס איז דער הויפּט־לאָזונג, וואָס איז אַרויסגערוקט געוואָרן אויף אונזער פּלענום לעצטן דעצעמבער. זיין באַדייטונג און וויכטיקייט וועט ערשט היינט פאַרשטאַנען ווערן אין דער פולער מאָס. דאָס איז דער אָנפאַנג־פּונקט און די סומירונג פון אונזער גאַנצער ליניע. מיר טאָרן דאָס ניט פאַרגעסן. מיר טאָרן ניט דערלאָזן, אַז די מאַסן זאָלן דאָס פאַרגעסן. און מיר מוזן זיך צוריקקערן צו אָט־דעם לאָזונג נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל.

2. פולע מאָראַלישע, דיפּלאָמאַטישע און עקאָנאָמישע הילף פאַר דעם פּוילישן פאָלק און פאַר די, וואָס העלפן פּוילן פאַרטיידיקן איר נאַציאָנאַלע זעלבסטשטענדיקייט.

וואָס איז די באַדייטונג פון דער דאָזיקער באַזונדערער פאָרמולירונג? פאַרוואָס פאָדערן מיר ניט קיין באַלדיקע הילף פאַר טשעמבערלעין און דאַ־לאַדיע? זיי האָבן דערקלערט מלחמה קעגן דייטשלאַנד כלומרשט צו העלפן פּוילן. מיר האָבן אָבער ניט קיין אורזאַך צו פילן דעם מינדסטן צוטרוי צו טשעמבערלעינען און דאַלאַדיען, היינט פּונקט ווי אייערנעכטן, אַז זיי גרייטן ניט צו קיין נייעם מינכען, וואָס זיי האָבן ניט געוואַגט צו ברענגען פאַר זייערע פּאַרלאַמענטן היינט, ווייל זיי האָבן מורא פאַר דער שטימונג פון פאָלק. אָבער אויב זיי וועלן קאָנען ברענגען דעם ענגלישן און פראַנצויזישן פאָלק, אין דעם משך פון אַ וואָך אָדער צען טעג, געגנוג ערנסטע מיליטערישע ריק־שטויסן, קאָן זיך זיי איינגעבן צו דערגרייכן זייער ציל. דעריבער זאָגן מיר: הילף פאַר דעם פּוילישן פאָלק און פאַר די, וואָס העלפן דעם פּוילישן פאָלק, אָבער טרויט ניט טשעמבערלעינען און דאַלאַדיען.

3. עמבארגא קעגן יאפאן און דייטשלאנד פאר דער מפלה פון פאשיסטישן אנגריף און פאר איינשטעלן א דעמאקראטישן פרידן!

פארוואס אט־די באזונדערע פארמולירונג? פארוואס האבן מיר ניט געזאגט פשוט „עמבארגא קעגן פאשיסטישע מלוכות אויף צו באזיגן פאשיסטישן אנגריף” און אויסגעלאזט דאס איבעריקע? ווייל דאס איז איצט מער ניט גענוג. טשעמבערלעין וויל באזיגן דייטשלאנד און יאפאן, דאס הייסט, — ער וויל זיי א ביסל באזיגן, גענוג אויף צו מאכן זיי גרייט פאר אן אליאנץ. ער וויל גיין גענוג ווייט אזוי, אז ענגלאנד זאל קאנען דיקטירן די פרידנס־באדינגונגען און אז עס זאל געשאפן ווערן אן ענגלישער פרידן, א מינכענער פרידן, א ווערסאלער פרידן. דעריבער ווילן מיר אין יעדן אזעלכן פארשלאג איינשליסן אין אונזער פארמולירונג די פאדערונג פאר א דעמאקראטישן פרידן. וואס מיר זאלן ניט פארשלאגן, איז דאס פארן צוועק צו שליסן א דעמאקראטישן פרידן, און מיר וועלן טאן אלצדינג, וואס מיר קאנען נאר, צו העלפן פארמיידן וועלכן ס'איז אנדערן פרידן, וואס זאל ארויפגעצוואונגען ווערן אויף דער וועלט. נאך א זאך: די סאציאליסטן און טראצקיסטן האבן שוין אנטוויקלט פאר זייערע הארן א קאנטער־אטאקע קעגן דער דאזיקער פאדערונג פאר אן עמבארגא אויף יאפאן און דייטשלאנד. און אט־דאס טראצקיסטישע געווער וועט איצט אן ספק גענוצט ווערן אין יעדער צייטונג אין אמעריקע, כדי צו העלפן דורכפירן די טשעמבערלעין־ליניע.

זיי וועלן זאגן צו אונז: „בעת איר קאמוניסטן פאדערט אן עמבארגא, פירט דער סאוועטן־פארבאנד האנדל מיט דייטשלאנד! ווי וואגט איר צו רעדן וועגן דעם, אז אמעריקע זאל ארויפלייגן אן עמבארגא אויף דייטשלאנד, ווען דער סאוועטן־פארבאנד האט א האנדלס־אפמאך מיט דייטשלאנד און האט, קאנטיק, בדעה פארצוזעצן דעם דאזיקן האנדל?” ווי אזוי ענטפערן מיר דערויף? לאמיר זיך צוריקקערן צו אונזער ערשטן לאזונג — פאר אמעריקאנער נאציאנאלער און סאציאלער זיכערקייט. אויב דער סאוועטן־פארבאנד האלט אן און אנטוויקלט זיין האנדל מיט דייטשלאנד, איז דאס דערפאר, וואס דאס איז דער איינציקער וועג, וואס ער האט געפונען אויף צו באשיצן די נאציאנאלע און סאציאלע זיכערקייט פון דעם סאוועטישן פאלק. אויב אמעריקע זאל ארויפלייגן אן עמבארגא אויף יאפאן און דייטשלאנד, וועט דאס זיין פונקט צוליב דער זעלביקער זאך — צו באשיצן די נאציאנאלע און סאציאלע זיכערקייט פון דעם אמעריקאנעם פאלק. מיר האבן קיינמאל ניט געזאגט, אז דאס וואס איז גוט פאר איין לאנד איז ממילא גוט פאר אלע לענדער פונקט אין דער זעלביקער פארם. גראד די יחידים און גרופן, וואס באשולדיקן אונז אין פרינציפנלאזיקייט דערפאר, וואס מיר פאדערן אן אמעריקאנער עמבארגא, בעת דער סאוועטן־פארבאנד לייגט ניט ארויף קיין עמבארגא, באשטייען דערויף, ווי א פראגע פון פרינציפ, אז אלע אזעלכע פראגן זאלן אנטשיידעט ווערן דורך יעדן לאנד זעלבסטשטענדיק און אז קיין לאנד זאל ניט פרואוון דיקטירן א צווייטן לאנד. זיי וואלטן געוועזן

אויפגעבראכט, ווען דער סאוועטן־פארבאנד זאל פרואוון דיקטירן אמעריקע, צי עס זאל זיין אן עמבארגא אדער ניט; אבער איידער די אמעריקאנער פאליסי ווערט באשטימט איבער דער דאזיקער פראגע, ווילן זיי פריער וויסן, צי דער סאוועטן־פארבאנד וועט טאן דאס זעלביקע און צי ער וועט דאס טאן פריער! ניט מיר נעמען דא א פרינציפיעלע שטעלונג, נאר די, וואס אטאקירן אונז איבער דער דאזיקער פראגע. זיי זיינען דאס פרינציפלאז און צעריסן דורך די גרעסטע ווידערשפרוכן. נאכמער, דער סאוועטן־פארבאנד האט א פאקטישע עמבארגא אויף יאפאן, אבער ענגלאנד האט ביז לעצטער וואך באזארגט היטלער׳ן צום ווינציקסטן מיט א דריט־חלק פון זיינע מאטעריאלן פאר באוואפענונג.

4. אלע מעגלעכע קרעדיטן און מאטעריעלע הילף פאר כינע!

דאס איז אן אלטער און פארשטענדלעכער לאזונג, וואס אפעלירט איצט צו אמעריקאנער מענטשן מער ווי ווען עס איז פריער און וואס זיין באדייטונג ווערט אלץ גרעסער, וואס בעסער עס זיינען די אויסזיכטן פאר כינע אין איר קאמף. מיר טארן ניט דערלויבן, אז אט־דער לאזונג זאל אפגעשטופט ווערן אין הינטערגרונט.

5. פולע הילף צו די דעמאקראטישע כחות אין שפאניע און פולע הילף פאר די שפאנישע פליכטלינגען!

איך רעכן, אז די פראגע איז שוין דא באשפראכן געווארן.

6. הילף פאר דעם דייטשן פאלק צו שאפן א דעמאקראטישע דייטשלאנד! פאר דער פרייהייט און נאציאנאלער זעלבסטשטענדיקייט פון טשעכאסלאוואקיע און עסטרייך!

די וויכטיקייט פון דעם לאזונג באשטייט אין דעם, אז עס דארף כסדר ארויסגערוקט ווערן צום פאדערגרונט דער גייסט פון פריינטשאפט פאר דעם דייטשן פאלק, אפילו ווען עס איז ניטא קיין מעגלעכקייט פאר באלדיקער אקציע, כדי צו העלפן דעם דייטשן פאלק שאפן א דעמאקראטישן דייטשלאנד. אפילו אויב מיר אליין קאנען אין דעם איצטיקן מאמענט גארנישט ניט טאן, מוזן מיר האלטן די דאזיקע אידייע אין דעם פאדערגרונט, ווי א קעגנווירקונג צום שאוויניזם, וואס ווערט שוין פארשפרייט דא אין לאנד, דעם שאוויניזם, וואס מיר האבן געזען אין זיין בעסטיאלישער פארם אין דער לעצטער מלחמה, אין וועלכער מ׳האט די אמעריקאנער געלערנט צו האסן דאס דייטשע פאלק. מיר דארפן פארשפרייטן דעם געדאנק פון פריינטשאפט צום דייטשן פאלק, אזוי שנעל ווי זיי הויבן אן פטור צו ווערן פון דעם בארבארישן היטלער־רעזשים.

7. אַמעריקאַנער און לאַטיייניש־אַמעריקאַנער איניציאַטיווע, אין קאָאָפּעראַציע מיט דעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, פֿאַר אַן אַלוועלטלעכער פֿרידנס־קאָנפֿערענץ!

איך רעכן, אַז דאָס איז קלאָר און פֿאָדערט ניט קיין ווייטערדיקע דערקלערונגען. מיר קאָנען קומען צום לאַנד מיט אָט־דער אידייע און דאָס לאַנד וועט זיך גערן צוהערן. ס׳איז אַ גאַראַנטיע פֿאַר אַ דעמאָקראַטישן פֿרידן.

8. באַזיגן די פֿאַרשווערער פֿאַר אַ נייעם מינכען און זייערע טראָצקיסטישע און לאָווסטאָניסטישע אַגענטן!

דער גאַנצער פּלענום איז אַן אויפֿקלערונג בנוגע אָט־דעם לאָזונג.

9. שטיצן די פֿרידנס־פּאָליטיק פֿון סאָוועטן־פֿאַרבאַנד!

10. שטיצן די פּאָליטיק פֿון גוטע שכנים ווי אַ פֿעסטונג פֿון דעמאָקראַטיע און פֿרידן אין די אַמעריקאַנער לענדער!

דאָס איז זייער וויכטיק היינט־צו־טאָג און ווערט אַלץ מער וויכטיק, וואָס מער די רעאַקציאָנערן אַנטוויקלען זייער אויסלענדישע פּאָליטיק אונטער די נייע מלחמה־באַדינגונגען. זיי טרייבן שוין אין דער ריכטונג פֿון אַן אַמעריקאַנער פּאַרטנערשיפֿ מיט יאַפּאַן פֿון איין זייט און פֿאַר אַן אייזערנער האַנט אין לאַטייניישער אַמעריקע פֿון דער אַנדערער זייט. מיר מוזן שטאַרקן דעם באַוואוסטזיין פֿון דעם אַמעריקאַנער פֿאָלק בנוגע דער פּאָליטיק פֿון גוטע שכנים און אויסאיבן דרוק, אַז זי זאָל קריגן אַ שטאַרקערע און מער פֿולשטענדיקע אַנטוויקלונג אין וואַשינגטאָן.

11. פֿאַראייניקן דאָס אַמעריקאַנער פֿאָלק אַרום דעם „נייעם דיל" און זיינע פּראָגרעסיווע פּאָליסיס!

12. נידער מיט דער טאָרי־דראָאונג קעגן אַמעריקאַנער נאַציאָנאַלער איינהייט!

די דאָזיקע לאָזונגען זיינען דער ענטפֿער צו דעם טאָרי־לאָזונג וועגן אַ קאָאַליציע־רעגירונג ווי אַ מיטל פֿאַר נאַציאָנאַלער איינהייט. נאַציאָנאַלע איינהייט — יאָ! איינהייט אַרום דעם „נייעם דיל" און זיין פּראָגרעסיווער פּאָליטיק, וואָס דאָס שאַפֿט דעם איינציק־מעגלעכן באַזיס פֿאַר אמת׳ער נאַציאָנאַלער איינהייט. דער דאָזיקער געדאַנק מוז פֿאַרפֿלאַנצט ווערן טיף אין דעם באַוואוסטזיין פֿון די מאַסן; יעדן מאָל ווען די טאָרים רעדן וועגן נאַציאָנאַלער איינהייט, סטראַשען זיי צו ברעכן אַזאַ איינהייט. נאַציאָנאַלע איינהייט קאָן זיין בלויז אַ פּראָגרעסיווע, אַ פֿאָלקס־איינהייט.

13. אייניקייט פון אַלע אַרבעטער ווי דער רוקנביין פון נאַציאָנאַלער אייניקייט!

מיט דעם דאָזיקן לאָזונג פאָדערן מיר, אַז די אַרבעטער זאָלן פאַרנעמען זייער באַרעכטיקטן פּלאַץ אין דער פירערשאַפט פון לאַנד און אָנווענדן די באַדערפעינישן פון לאַנד אויף צו שטיצן די פאָדערונג פאַר אַרבעטער־אייניקייט.

14. פאַרטיידיקן און אויסברייטערן די אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע!

דער דאָזיקער לאָזונג איז אַן ענטפער צו די אַלע קרומע קעפּ און שוואַכע נשמות, וואָס ווילן איצט, אַז ס'האָט זיך אָנגעהויבן מלחמה, אויפהערן פאַרטיידיקן אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע. מיר האָבן, פאַרשטייט זיך, קיינמאָל ניט אָפּגעגעבן קיין ברעקל פּלאַץ פאַר דער אַגיטאַציע, אַז דעמאָקראַטיע ענדיקט זיך, ווען מלחמה הויבט זיך אָן. און מיר הויבן אויף דעם לאָזונג ניט בלויז צו פאַרטיידיקן, נאָר אויך אויסצושפּרייטן די אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע. ס'איז דער איינציקער מעגלעכער וועג צו זיכערן אייניקייט און זי פאָראויס־ברענגען אין דעם באַוואוסטזיין פון פאָלק.

15. נאַציאָנאַליזירן די אַמוניציע־אינדוסטריע!

דאָס איז אַ פּאָפּולערער לאָזונג און וואָס מער מיר וועלן דערויף האַמערן און דעם לאָזונג אַרויסרוקן, אַלץ מער קאָנען מיר איבערצייגן דאָס פאָלק, אַז מיר וועלן אָנווענדן אונזערע כחות קעגן דעם הויפּט־שונא, — מאָנאָפּאָל־קאַפּיטאַל.

16. צוימען די מאָנאָפּאָליסטן און פּראָפיטירער!

שוין מוזן מיר אויפהויבן אַן אַלאַרם קעגן די פּראָפיטירער, קעגן די, וואָס עקספּלואַטירן אונז אין מלחמה־באַדינגונגען מיט ריזיקע מאָנאָפּאָליע־פּראָפיטן. דער דראַיוו קעגן מאָנאָפּאָליסטן און פּראָפיטירער פון יעדן סאָרט וועט מער און מער פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ צענטראַלער „אישו", וואָס ווייטער עס אַנטוויקלען זיך די מלחמה־באַדינגונגען.

17. פאַרבייטן די מאָנאָפּאָליסטן אין דער „וואָר אינדוסטריס באָארד" מיט פאַרטרעטער פון פאָלק!

וואָס איז די לאַגע היינט־צו־טאָג? די „וואָר אינדוסטריעס באָארד" איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן כמעט אויסשליסלעך, אויב ניט אינגאַנצן, פון אייניקע פון די ערגסטע מאָנאָפּאָליסטן אין אַמעריקע. מען קאָן פאַרשטיין די מאָטיוון פון אַ פּרעזידענט, וואָס וויל האָבן דורכגעפירט געוויסע זאַכן און קאָן דאָס קריגן בלויז דורך די דאָזיקע גרויסע טראַסטס, וואָס ווערן קאָנ־

טראָלירט פון די מאָנאָפּאָליסטן — ווען ער טרעט צוריק פאַר זיי און גיט זיי איבער אָט־דעם סטראַטעגישסטן פּונקט פון קאָנטראָל איבער דער נאַציאָנאַלער פאַרטיידיקונג. דאָס אַמעריקאַנער פאָלק קאָן אָבער ניט זיין צופרידן מיט אַזוינע קורצזיכטיקע און פאַלשע מאָטיוון און קאָן ניט שווייגן איבער דער דאָזיקער פראַגע.

מלחמה־אינדוסטריען, אויב זיי זיינען וויכטיק פאַר דעם אַמעריקאַנער פאָלק, דאַרפן קאָנטראָלירט ווערן דורך פאַרטרעטער פון פאָלק און ניט דורך די מאָנאָפּאָליסטן, וואָס זיינען די אונטערדריקער און בלוטזויגער פון פאָלק, און מיר מוזן אויפהויבן אָט־די „אישו", וואָס וועט ווערן אַלץ שאַרפער מיט דעם גאַנג פון געשעענישן.

18. גאַראַנטירן די רעכט פון יוניאָניזירונג, קאָלעקטיווער פאַרהאַנדלונג און טרעיד־יוניאָן סטאַנדאַרדס אין אַלע אינדוסטריען!

פאַרוואָס איז אָט־דער לאָזונג באַזונדער וויכטיק אין דעם איצטיקן מאָמענט? ווייל שוין האָבן די רעאַקציאָנערן אויפגעהויבן דעם לאָזונג, אַז די מלחמה־באַדינגונגען וועלן פאָדערן קרבנות. קרבנות פון וועמען? די גרויסע קאָרפּאָרעישאָנס און מאָנאָפּאָליסטן? ניין, פון די אַרבעטער. שוין הויבן אָן רעאַקציאָנערע אַרבעטער־פירער צו טראַכטן וועגן שליסן אַ פאַרשטענדיקונג מיט מאָנאָפּאָל־קאַפּיטאַל, אַז פאַרן פרייז פון שטיצן געוויסע פריווילעגיעס וועלן זיי איינשטימען ניט צו פאַרשפרייטן קיין יוניאָניזם אין די ניט־אָרגאַניזירטע אינדוסטריען. די גרעסטע וואַכזאַמקייט מוז אָנגעווענדט ווערן קעגן אַזעלכע פּלענער.

19. פולע שטיצע פאַר דער יוניאָניזירונג פון אַרבעטער אין אַלע אינדוסטריען און די פאַרבעסערונג פון זייערע באַדינגונגען!

20. שטעלן אַמעריקע צוריק צו דער אַרבעט!

דאָס איז אַן אַלטער און באַקאַנטער לאָזונג, ער איז אָבער איצט מער צייטיק, ווי ווען עס איז.

21. אָנהאַלטן דעם אַמעריקאַנער לעבן־סטאַנדאַרד קעגן אַלע אַטאַקעס!

אין דעם גאַנג פון געשעענישן וועט דער דאָזיקער לאָזונג דאַרפן קאָנקרעטיזירט ווערן אין פאַרשיידענע פאָרמען אויף אַ לאָקאַלן מאַסשטאַב, אין באַזונדערע סטעיטס, געגנטן און אין דעם גאַנצן לאַנד. עס וועלן געמאַכט ווערן, אין טויזנטער פאַרשיידענע פאָרמען, אַטאַקעס אויף די אַרבעטער, די אַרבעטלאָזע, די פאַרמער און די מיטל־קלאַסן, און מיר מוזן העכערן די וואַכזאַמקייט פון יעדן טייל פון פאָלק, כדי צו באַקעמפן יעדן אָנגריף אויף זייערע לעבן־סטאַנדאַרדס.

22. אָנהאַלטן פרייהייט פון רעדע, פרעסע און פאַרזאַמלונג. באַשיצן דעם „ביל אָוו ראַיטס" (קאָנסטיטוציאָנעלע פרייהייטן)!

דאָס איז באַזונדער נויטיק איצט. אונטער מלחמה־באַדינגונגען, אפילו ווען אונזער לאַנד איז ניט אַריינגעצויגן אין מלחמה, באַווייזט זיך אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער די טענדענץ צו פאַרוואַרפן דעם „ביל אָוו ראַיטס". מיר מוזן באַקעמפן אַזעלכע טענדענצן אין קאָאָפּעראַציע מיט אַלע פּראָגרעסיווע כחות און אונטער אַלע באַדינגונגען מוזן מיר אָנהאַלטן פרייהייט פון רעדע, פרעסע און פאַרזאַמלונג.

23. דורכוואַרפן די אַטאַקעס אויף דער געזעצלעכקייט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי ווי אַטאַקעס קעגן דעמאָקראַטיע און קעגן דער אייניקייט פון פאָלק!

מיר מוזן ברענגען צו די מאַסן די פאַרטיידיקונג פון אונזער פּאַרטיי ניט ווי אַ פראַגע, צי זיי שטימען איין מיט אונזער פּאַרטיי־פּראָגראַם, נאָר אָפּגעזען פון זייער מיינונג וועגן אונזער פּאַרטיי־פּראָגראַם; אויב זיי ווילן פאַרטיידיקן דעמאָקראַטיע און די אייניקייט פון פאָלק, איז דער אייינציקער וועג, ווי זיי קאָנען דאָס טאָן, — באַקעמפן און באַזיגן די דאָזיקע אַטאַקעס אויף דער געזעצלעכקייט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

24. מאַכן אַ סוף צו אַלע קאַמפּאַניעס קעגן אידן, נעגערן, קאַטאָליקן און פרעמד־געבוירענע ווי אַ פאַרברעכן קעגן אַמעריקאַנער אייניקייט און פרייהייט!

אין דעם דאָזיקן לאָזונג ווערט סומירט די גאַנצע קאַמפּאַניע קעגן די אַלע רעאַקציאָנערע פּראָפּאַגאַנדיסטן, וואָס זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר די פאַשיסטישע און האַלב־פאַשיסטישע כחות.

25. פאַרטיידיקן די אַמעריקאַנער יוגנט — די פאַרטיידיקער פון אַמעריקע!

26. בויען דעם דעמאָקראַטישן פראָנט פון פאָלק צו באַזיגן די טאָרי־רעאַקציע אין 1940.

אין דעם דאָזיקן לאָזונג ווערט סומירט אונזער גאַנצע שטעלונג צו דער קומענדיקער וואַל־קאַמפּאַניע.

און צום שלוס — דער לעצטער לאָזונג, וועלכער איז ווידער אַן אייינשליסנדיקער און סומירט און דריקט אויס אונזער גאַנצע ליניע:

27. פאַר דזשאָבס, זיכערקייט, דעמאָקראַטיע און פרידן!

איך דענק, חברים, אַז דאָ האָבן מיר אויף דעם מאָמענט גענוג דירעקטיוון פאַר אונזער אַרבעט, גענוג פאָרמולירונגען פון אונזער ליניע פאַר דער ברייט־סטער מאַסן־פאַרשפּרייטונג, פאַר דער ברייטסטער מאַסן־דערציאונג. איך דענק, אַז מיר האָבן זיך באַוואָפנט פאַר דער באַלדיקן פעריאָד אין דעם באַלדיקן קאַמף. מיט דעם גאַנג פון געשעענישן וועלן מיר דאַרפן קרעפטיקן אָט־די לאָזונגען דורך אַנדערע אידעאָלאָגישע און פּאָליטישע וואָפן, אָבער פאַר דעם קומענדיקן פאָרויס־טרייב איז די פּאַרטיי, דענק איך, צוגעגרייט.

צולעצט, האַלט איך, אַז מיר דאַרפן רעגיסטרירן אויף אָט־דעם צוזאַמענ־קונפט פון אונזער נאַציאָנאַלער קאָמיטע, אַז ניט נאָר, אין אַלגעמיין גענומען, קאָנסאָלידירט זיך אונזער פּאַרטיי אינערלעך אין אָט־די וואָכן; ניט נאָר קומט זי נאָך אירע פאַראַנטוואָרטלעכקייטן צום אַרבעטער־קלאַס און צום לאַנד, — נאָר אַז זי האָט געמאַכט אַ גאָר שטאַרקן איינדרוק אויף דעם באַוואוסטזיין פון לאַנד. מיר האָבן אָנגעזאַמלטע באַווייזן, אַז די פּאַרטיי האָט געוואונען אַ טיפערן רעספּעקט צווישן ערנסט־דענקענדיקע מענטשן אין אַמעריקע אין די לעצטע טעג, ווי אין וועלכן ס׳איז אַנדערן פעריאָד אין דעם לעבן פון אונזער פּאַרטיי, און דאָס איז גאַנץ נאַטירלעך. אַזוי דאַרף דאָס זיין.

פון דעם דאָזיקן צוזאַמענקונפט פון דער נאַציאָנאַלער קאָמיטע לאָמיר פאָרויס גיין צו טאָן אונזער פליכט צום אַרבעטער־קלאַס און צום פאָלק אין אַ גרעסערער מאָס, ווי ווען עס איז פריער, ווירקלעך צו ברענגען פאַר־שטענדעניש און אויפקלערונג ניט בלויז צו די הונדערטער טויזנטער, נאָר צו די מיליאָנען אַרבעטער, צוצוקומען צו די הערצער און מוחות פון אַלע אַמעריקאַנער און ברענגען אַמעריקע צום קאַמף פאַר פרידן זייט ביי זייט מיט דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

שיקאַגאָ, סעפּטעמבער 3, 1939.